STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04745

ZEKHTSN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זעכצן

א זאמלונג סיום־קאָמפּאָזיציעס

פון

זעכצן תלמידים — גראדואירער פון
די עלעמענטארע שלום־עליכם
פאָלק־שולן, שיקאגא, פעברואר
1930

אַרויסגעגעבן פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט, שיקאַגאָ

דורכן

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע

1930

פון די לערער

די זעכצן קאָמפּאָזיציעס, וואָס ווערן דאָ פאַרעפנטלאַכט, זיינען געשריבן געוואָרן פון די קינדער אין די לעצטע וואָכן איידער זיי האָבן פאַרענדיקט דעם קורס פון אונדזער פיריאָריקער עלעמענטאַר-שול.

הגם עס מערקט זיך שטאַרק אין יעדער איינער פון דער געהעריקער פליים פון אַ סיום-אַרבעט, ווייזן זיך דאָך אין פילע ערטער אַרוים בולטע סימנים פון רויקייט אינ׳ם פּרט פון גראַמאַטיק, שפּראַכלאַכקייט און אָרגאַניזירטקייט.

מיר האָבן די קאָמפּאָזיציעס איבערגעגעבן צום דרוק מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות, אַזוי ווי זיי זיינען צו אונדז אַריינגעבראַכט געוואָרן פון די קינדער. מיט אַ כיוון האָבן מיר זיך אַזוי געלאָזט עקספּערימענטירן (בכלל איז מען זיך באַ אונדז אַזוי נישט נוהג), ווייל מיר האָבן געוואָלט:

1. אַנטפּלעקן דעם אידיש-שפּראַכלאַכן פולס פון אונדזערע קינדער (אַלע — אַחוץ איינעם — געבוירענע אין אַמעריקע און דערצויגענע אין דער דורכשניטלאַך-פאַראַמעריקאַניזירטער סביבה) אין זיין אָ ר י ג י נ אַ ל ן מקור, און
2. אויסנוצן די קאָמפּאָזיציעס אין אונדזער ווייטערדיקער פּעדאַגאָגיש-מעטאָדישער פּראַקטיק.

אויפן סמך פון די חסרונות (אַזוי ווי אויך פון די מעלות) וועלן מיר קאָנען טיילווייז בעסער צופּאַסן די פאַרשיידענע אַרבעט-פאַזעס פון דעם אידיש-לימוד צו אונדזערע ספּעציפישע אומשטענדן.

די קאָמפּאָזיציעס ווערן געדרוקט לויטן סדר פון זייער קוואַליטעט. די ערשטע דריי האָבן געוואונען, לויטן סדר, דעם ערשטן, צווייטן און דריטן פּריז, וואָס אונדזער שלום-עליכם פּרויענקלוב האָט באַשטימט פאַר די דריי בעסטע קאָמפּאָזיציעס, די פערטע, פינפטע און זעקסטע קאָמפּאָזיציעס האָבן געוואונען אויסצייכענונגען. די זיבעטע און אַכטע זיינען פאַררעכנט געוואָרן אַלס די בעסטע פון די אַלע איבעריקע.

שלום-עליכם פאָלקשולן

י. ח. פּאָמעראַנץ, — דירעקטאָר

י. כייזליש, — לערער

שיקאַגע, פעברואַר 1930.

Printed in Poland

Druk. B-ci Wójcikiewicz, Warszawa, Pawia 10, tel. 265-82.

[illegible]
אַ האַרציקן גרוס
אונזער ליבע [illegible]

באַשע סלאָבאָדקין, 13 י. אַ.

מײַן לעבן

אַרײַנפיר

כמעט אַלע גראַדואירנדיקע קינדער פון כמעט אַלע אידישע שולן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, האָבן געמוזט אָנשרײַבן אַ לעצטע קאָמפּאָזיציע, בײַם פאַרלאָזן די עלעמענטאַרישע שול. און וועגן וואָס האָבן זיי געשריבן? וועגן אַ קאַץ, וועגן אַ געשיכטע-העלד, וועגן אַ שפּאַציר, אָבער קיינמאָל נישט וועגן דעם, וואָס איז דאָס טײַערסטע בײַ זיי: זייער אייגענעם לעבן.

איך גלויב, אַז חבר פּאָמעראַנץ איז דער ערשטער, וואָס האָט פּרובירט אונדז אָנווײַזן דעם וועג פון שרײַבן וועגן זיך אַליין. איך דענק, אַז עס איז אַ גוטער פּלאַן, און אַסך אַנדערע גראַדואירנדיקע קינדער וועלן אים נאָכפאָלגן.

קאַפּיטל 1.

די ערינערונגען, וועלכע מײַן מאַמע האָט מיר איבערגעגעבן פון מײַן אָנפאַנג לעבן

איך בין געבאָרן געוואָרן אין טשיקאַגאָ. ווען איך בין אַלט געווען אַ האַלב יאָר בין איך מיט מײַנע עלטערן אַרויסגעפאָרן אין אַ קליין שטעטל, וועלכע האָט געהייסן „סיקאַמאָר”. אָפּזײַענדיק דאָרטן אַ האַלב יאָר האָבן מיר זיך ווײַטער אַרײַנגעקליבן אין שיקאַגאָ.

די מאַמע דערציילט, אַז מיר האָבן אין דער שטעטל געוואוינט אין אַ גרויסער הויז פון נײַן צימערן, אין מיטן אַ פּאַרק פון טויזנט-יאָריקע ביימער. די שכנים אַרום אונדז זײַנען געווען קריסטן, און דערצו, פאַרביסענע קאַטאָליקן. זיי האָבן אַן אידן זייער פײַנט געהאַט, נאָר צו מיר האָבן זיי געהאַט אַ ספּעציעלע ליבע. איינע, אַן אַלטע גוייע, האָט מיך ליב געהאַט מער פון די אַנדערע, און אײַן פרימאָרגן איז זי אַרײַן צו מײַן מאַמען, מיט אַ שיינעם, אויסגעפלאָכטענעם פּאָרטפעל, און האָט געזאָגט אַזוי: נאַ, און היט עס, ביז באַשקע וועט אויסוואַקסן, און דאַן דערצייל איר, אַז מרס. טשעטפילד האָט זי זייער ליב געהאַט, און געגעבן איר אַן אָנדענקונג, אַ „סקול בעג”.

אין גיכן נאָך דעם זײַנען מיר פון דער שטעטל אַרויסגעפאָרן צוריק קיין שיקאַגאָ, און ווען איך בין אַלט געוואָרן זעקס מיט אַ האַלב יאָר און אָנגעפאַנגען גיין אין סקול, האָט מיר די מאַמע געגעבן דעם „סקול בעג”, און דערציילט מיר די מעשה פון מרס. טשעטפילד.

קאפיטל 2.

שיקאגא, און וואס טוט זיך דא. אידישע פאלקשולן אין דער וואונדער שטאט, און וואס פאסירט אינעווייניק אין די שולן. ערשט: ארבעטער רינג שול.

אין 6 יאר ארום נאך מיין קומען קיין שיקאגא פון סיקאמאר, האב איך אנגעפאנגען גיין אין א אידישער שולע, וואס האט באלאנגט צו דעם ארבעטער רינג. די שולע האב איך באזוכט ארום צוויי מאנאטן. איך דערמאן זיך אן א קליינעם אינצידענט, וואס האט פאסירט אין יענער צייט.

איך בין געווען אין ערשטן קלאס. די לערערן, חברטע ק., די וואס פלעגט שטיין און קאמען אירע רויטליכע האר פאר א שפיגל, האט מיך אויסגעלערנט א פאעמע פון א קעצעלע. איך האב געדארפט פארבלייבן נאך מיין קלאס און דעקלאמירן פאר דעם עלטערן קלאס מיין פאעמע. איך בין געווען זייער אומגע-דולדיק, און די צייט האט זיך געצויגן אזוי לאנג. אבער צום סוף איז דער עלטערער קלאס געקומען. ווארטנדיק האב איך אלץ געטראכט צי איך וועל קאנען גוט זאגן מיין פאעמע, און איך בין געווען ביי זיך שטאלץ, אז איך וועל קאנען מאכן א דערפאלג. אבער אז דער עלצטער קלאס איז געקומען, און איך האב דערזען, אז זיי זיינען אסך מער אין צאל פון די אנדערע קלאסן, און אלע זיינען גרויסע, בין איך ביי זיך אראפגעפאלן. איך האב פארשטאנען, אז איך האב דא צו טאן מיט אסך גרעסערע קינדער פון מיר, און האב געטראכט וואס צו טאן פריער, וויינען, צי ארויסלויפן, ווייל איך וואלט מיט דעם גרעסטן פארגעניגן ביידע זאכן געטאן, אז מען וואלט מיר הייסן; אבער עס איז נישט שיין, האב איך זיך אנגעשטרענגט אויסצוקלערן אן אנדער עצה, און די נייע עצה איז געווען אזא: אין דער צייט וואס זיי האבן געלערנט, האב איך נאך אמאל און נאך אמאל איבערגעחזרט די פאר שורות, אום צו זיין זיכער, אז איך וועל גארנישט פאר-פעלן צו זאגן.

ווען איך האב זיך געדארפט שטעלן צו זאגן די פאעמע, בין איך געווארן רויט אין פנים, און מיר האט זיך געדאכט, אז אלע קינדער קוקן אויף מיר נאר ווייל איך בין געווארן רויט. מיין דעקלאמירן איז געווען א דערפאלג און שפעטער האב איך זיך געשעמט פאר זיך אליין, פארוואס איך בין אזוי אראפ-געפאלן ביי זיך אין דעם אנהויב.

איך האב געגליכן די ארבעטער רינג שולע, און האב פארבראכט זייער פיין דארט, איך האב זיך געפילט אזוי גרויס, ווען איך פלעג קומען פון סקול, נעמען מיין העפט, מיט מיין בלייפעדער און גיין אין שולע; נאך שטאלצער בין איך ביי זיך געווען דאן, ווען איך פלעג ארויפמארשירן אויף די טרעפ פון דער שולע און אריין אין קלאס. איך פלעג דערציילן אלע קינדער ארום אונדזער הויז וועגן דער שולע, און אז איך בין גרויס, און האב ארבעט צו טאן פון צוויי סקולן, און איך פלעג אפילו אקסענטירן דעם צוויי. אסך קינדער האבן זיך

פאַרשריבן אין דער אַרבעטער רינג שולע, נאָכדעם ווי איך האָב זיי דערציילט פון אירע וואונדער.

קאַפּיטל 3.

די באָראָכאָוו שולע, און וואָס האָט פּאַסירט דאָרט.

די באָראָכאָוו שולע איז געווען די צווייטע שולע, וואו איך האָב זיך געלערנט. דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען אַ כאָר. אַז איך האָב געהערט ווי די קינדער האָבן געזונגען, האָב איך אויך געקראָגן אַ פאַרלאַנג צום זינגען, און דעם נעקסטן מאָל, בין איך שוין אויך געזעסן צווישן אַלע די קינדער און אויך געזונגען. אונדז האָט געלערנט זינגען אונדזער לערערן ש. שפּעטער, איז אַן אַנדער לערער געקומען צו דער באָראָכאָוו שול, און האָט באַזוכט איינע פון אונדזערע געזאַנג לעקציעס, ווען עס איז געקומען צו דעם וואָרט „לייד" אין „צום העמערל", האָט דער לערער געזאָגט, אַז מען רופט דאָס וואָרט לייד, און די לערערן האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָרט איז לאַיד. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז בלויז אַ שפּאַס, האָב איך באַ זיך געטראַכט, וואָס דאַרפט איר זיך קריגן, דו, זאָג, ווי דו ווילסט, און דו, ווי דו ווילסט, און קריגט זיך ניט. איך האָב אייך פאַרגעסן זאָגן ווער האָט זיך געקריגט. די לערערן ש. איז געווען ניט צו הויך, אַביסל דאַר, מיטברילן, ברוינע האָר, און זייער אַ גוטע. איך דיינק, אַז זי איז געווען אַ גוטע, דאָס וואָס אַנדערע דיינקען אַרט מיך ניט. זי האָט אויך געלערנט גוט, און געזונגען, אוי האָבן מיר געזונגען אונטער איר אויפזיכט. די גאַנצע שולע האָט געזונגען, מיט אונדזערע שטימעס. אָבער ווי איך האָב די לערערן ש. געגליכן, האָב איך נאָך מער געגליכן דעם לערער ש. ניט פאַרוואָס ער איז געווען אַ בעסערער לערער, פאַרקערט, איך האָב געגליכן ש. בעסער אַלס אַ לערערן, אָבער איך גלייך אַלעמאָל בעסער אַז אַ מאַן איז מיין לערער איידער אַ פרוי. דער לערער ש. איז אויך געווען הויך, אָבער ניט צו הויך, אַלענפאַלס העכער פון אונדזערע איצטיקע לערער, ער האָט אויך געטראָגן ברילן, געהאַט ברוינע האָר, אויך געווען ניט צו פעט, און האָט אויסגעקוקט אַביסל ווי די לערערן. זיי זיינען בײדע געווען זייער גוטע לערער, און איך האָב זיך געגליכן לערנען, אונטער זייער אויפזיכט.

קאַפּיטל 4.

די שלום־עליכם שולע. אירע מעלות; אירע חסרונות; מיין „קאָנ־צערט" לעבן. די איצטיקע פּאַסירונגען, און פאַרווײלונגען.

איך האָב געמוזט פאַרלאָזן די באָראָכאָוו שולן, ווייל די 2טע שלום עליכם פאָלק שול איז געגרינדעט געוואָרן, און איך האָב געדאַרפט ווערן אַ מיטגליד. מיין ערשטער לערער אין די שלום עליכם שולן איז געווען א. מ. אַ מאַן מיט רויטלעכע געקרייזלטע האָר; „דאָס בעסטע זאַך אין אים איז געווען זיינע האָר". ער האָט געטראָגן ברילן, ער איז ניט געווען קיין הויכער, ניט קיין קורצער, און אַלעמאָל ווען עס איז נאָר געווען אַ געלעגנהייט, פלעג איך אים אַלעמאָל זען מיט אַ גרויסן,

פעטן לאַנגן „סיגאַר" אין מויל. איך פלעג אַלעמאָל גיין קויפן זיינע „סיגאַרן", און דער אינגל וואָס פלעגט זיי מיר געבן פלעגט מיך אַלעמאָל פרעגן צי עס איז פאַר דעם „רעביי". איך פלעג אים אַלעמאָל דאַרפן ערקלערן, אַז אונדזער לערער איז ניט קיין „רעביי", און פאַרוואָס ער איז ניט קיין „רעביי".

איך דערמאָן זיך אָן איין קאָנצערט וואָס איז פאָרגעקומען אויף דעם יום-טוב חנוכה. אַלע מיידלאַך האָבן געטראָגן ווייסע קליידלאַך, רויטע שניפּסן, און די אינגלאַך, בלוי-שוואַרצע הויזן, און ווייסע העמדלאַך. מיר זיינען געווען אויסגעזעצט אין אַ האַלבע לבנה אויף דעם דיל, אונטער דער בימע, און ווען מיר האָבן געדאַרפט זינגען האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט. אַלע קינדער האָבן אויף יענעם אָוונט געקראָגן אין אַן אויסגעפּלאַכטענעם זעקעלע, אַ דריידל, אַ שפּיל-צייג, און דאָס גאַנצע זעקעלע איז געווען אָנגעפילט מיט קאָנפעקטן. די קינדער, וואָס האָבן דעקלאַמירט זענען אריין אין דעם מיטן פון דער האַלבער לבנה און האָבן געזאָגט זייער טייל. מיר האָבן אַלע הנאה געהאַט פון דעם אָוונט.

נאָך אַ קאָנצערט וואָס איך וועל אַלעמאָל געדיינקען איז דער פּורים קאָנצערט פון דעם יאָר 1926. איך בין דאַן געווען יוסף אין „מכירת יוסף". איך האָב געטראָגן אַ פּאָר שוואַרצע, פּאַרלאַטעטע הויזן, אַ בלוזע געמאַכט פון וואָל און אָנגעשמירט געוואָרן מיט פאַרב, צו רעפּרעזענטירן בלוט. פיר טערקן האָבן מיך געדאַרפט אַריינפירן אויף דער בימע, און איך זאָל ניט וועלן גיין. זיי צווינגען מיך אָבער און איך גיי צו מיין מוטער רחלס קבר, לייג זיך אַוועק, און פאַנג אָן וויינען, און בעטן איר, זי זאָל זען מיין צושטאַנד, ווי מיינע אַיי-גענע ברידער פאַרקויפן מיך פאַר אַ קנעכט, און זי זאָל זען און העלפן מיר. די מוטער רחל האָט געדאַרפט ענטפערן פון איר קבר. אין דער צייט איז מיר געוואָרן פלוצלונג אַזוי אומעטיק, אין מיין ראָלע, און די מוטער רחל איז געוואָרן עפּעס אַזוי אמת, אַזוי ווי איך וואָלט טאַקע גערעדט צו אַ טויטן מענטשן, און ער וואָלט מיר טאַקע ענטפערן, אַז איך האָב שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן, און האָב טאַקע אויף אַן אמת געוויינט. די מוטער רחל האָט מיר געענטפערט פון הינטער אַ גראַבער פאָרהאַנג, אָבער די שטימע איז געווען אַזוי ערדיש, אַזוי ווי פון דער ערד אַרויס, אַז אַלע מענטשן האָבן געעפנט די מיילער, און אַלע מענטשן האָבן געוויינט.

נאָך דער שפּיל בין איך אַראָפּ פון דער בימע און האָב זיך געדאַרפט אויס-באַהאַלטן פון אַלעמען אום צו איבערטאָן זיך, און אין פינף מינוט בין איך געוואָרן אויס יוסף, און בין שוין געוואָרן אסתר המלכה. אין דער אַלטמאָדישער קלייד האָב איך געזונגען אין כאָר. אונדזער שפּיל איז געווען אַ גרויס דערפאָלג, און עס גייט קיינמאָל ניט אַרויס פון מיין זכרון.

מיט דריי יאָר צוריק, איז פאָרגעקומען אונדזער קאָנצערט וואָס איך וועל לאַנג געדיינקען. דאָס איז געווען אין אַ גרויסן טעאַטער, וואָס האָט געקאָנט באַ-זעצן איבער טויזנט מענטשן. אין דעם טעאַטער האָבן מיר געפייערט אברהם רייזינס פופציק יאָריקן יובילייּ. מיר האָבן געזונגען זיינע לידער, אייניקע קינדער

האָבן דערקלאַמירט זײַנע פּאָעמען, פאַרגעלייענט זײַנע מעשׂיות, און פאַרגעשטעלט לעבעדיקע בילדער, סטאַטועס, אַלץ פון מענטשן.

אברהם רייזין האָט געהאַט דאָס לעצטע וואָרט, האָט ער באַדאַנקט דעם עולם און אונדז פאַר אונדזער אַרבעט, און פאַר העלפן אים פייערן דעם קומען פון זײַנע פופציק יאָר. דאַן האָבן צוויי קינדער אונטערגעטראָגן אַ ריזיקן באָקעט מיט בלומען און זיי האָבן אים באַגריסט. דער אָוונט האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק אויף אונדז אַלעמען, און מיר, די קינדער צי בעסער געזאָגט די קליינע אַקטיאָרן, זײַנען אַלע אַוועק מיט דער האָפענונג צו האָבן אַ געלעגנהייט צו פייערן אברהם רייזינס „הונדערט יאָריקן יובילײ״.

קאַפּיטל 5.

די שלום עליכם שולן דאַן, איצט. קאָנטראַסט

דער אברהם רייזין יובילײ האָט פאַרענדיקט מײַן „קאָנצערט לעבן״, ווײַל איך פלעג אַלעמאָל זײַן איינע פון די בעסטע קרעפטן און דערפאַר פלעג איך שפּילן דעם גרעסטן טייל אין אַלע שפּילן.

חבר פּ. איז געווען דער צווייטער לערער פון די שלום עליכם שולן. ווי איך געדיינק אים איז ער געווען מיטלמעסיק אין הויכקייט, געטראָגן ברילן, געהאַט שוואַרצע האָר, און זײַן הויפּט געוויכט אין לערנען איז געווען צו גיבן היימאַרבעט, (כאָטש אַלע לערער און לערערנס גיבן היימאַרבעט) דערפאַר איז זײַן שמייכל געווען סימפּאַטיש, ער פלעגט אַלעמאָל ענטפערן מיט אַ שמייכל.

ביז איצט, זעט איר האָבן מיר געהאַט מענער פאַר לערער; אָבער איצט איז חברטע י. געקומען צו אונדז. זי איז ניט געווען הויך, האָט ניט געטראָגן קיין פאַר (ווײַל זי זאָגט עס איז ניט געזונט) און האָט ניט געטראָגן קיין ברילן. אונדזער לערנען האָט באַשטאַנען מערסטנס פון לייענען מעשׂהלאַך, אָבער מיר האָבן צײַטנווײַז געדאַרפט טאָן אַביסל אַרבעט אַחוץ לייענען, אין דערהיים. ווי איר זעט איז דער היימאַרבעט אַלעמאָל געשטאַנען אונדז אין וועג, און צײַטנווײַז געמאַכט קאַליע אַלע אונדזערע גוטע צײַטן.

חבר פּ. אַ מאַן מיט ברוינע האָר, לאַנגן נאָז, ברילן, קליינער, דאַרער, און ער גיט היימאַרבעט. ניט אומזיסט האָבן מיר אים שטאַרק ליב ניט געהאַט. אָבער ער האָט געקאָנט גוט לערנען. ער פלעגט אונדז געבן געשיכטע, האָבן מיר געדאַרפט נעמען נאָטיצן און מאַכן אַ קאָמפּאָזיציע פון די נאָטיצן. ער פלעגט אונדז לייענען אַ מעשׂה, האָבן מיר געדאַרפט מאַכן אַ קאָמפּאָזיציע פון דער מעשׂה. מיר האָבן געזען אַ בילד אין בוך, האָבן מיר געדאַרפט מאַכן אַ קאָמפּאָ-זיציע, פון אַ פּאָעמע האָבן מיר געדאַרפט פאַרפאַסן אַ קאָמפּאָזיציע. ער האָט מיט אונדז געלערנט גראַמאַטיק. איך גלייך גראַמאַטיק, אָבער; — איך גלייך ניט מאַכן אַ היימאַרבעט פון דעם. עס איז נאָך גוט וואָס מיר האָבן געשריבן אין העפטן, זײַנען די בלעטער קלענער פון לויזן פּאַפּיר, אַז ניט, וואָלטן מיר באַדאַרפט שרײַבן צען בלעטער אויף לויזן פּאַפּיר. אַלץ פלעגט גיין אויף

א גרויסן שטייגער. צען בלעטער? א קלייניקייט. וואָס איז דאָ צו טאָן. גאָרניט. „אַביסל" היימאַרבעט.

חבר ה. איז געקומען אין א פּאָר חדשים נאָך חבר פּ. און האָט זיך באַ-שטעלט אַלס אונדזער געשיכטע לערער. פאַר געשיכטע פלעגט ער אונדז דער-ציילן מעשהלאך וועגן די גרויסע אידישע העלדן. און דער מאַן, מיט די ברוינע האָר, ברילן, און הויכן געשטאַלט האָט אונדז „ניט" געגעבן קיין היימאַרבעט.

נאָכדעם ווי חבר ה. איז אַוועק איז חבר ב. געקומען מיט אונדז לערנען. חבר ב. איז א מאַן מיט א קאָפּ, פול מיט שוואַרצע האָר, און ער איז געווען דער ערשטער פון דער ליניע קליינע לערער אין שול 2.

זייער א פריילאכער פּעריאָד פון לערנען איז געווען ביי אונדז מיט חבר ב. די איינגלאך ספּעציעל פלעגן מיט אים האַלטן מלחמות. ער פלעגט אָבער גוטמוטיק אָפּראַנגלען זיך פון זיי. מיר מיידלאך, זענען געווען די סאָלדאַטן אויף חבר ב.׳ס זייט. אין חבר ב.׳ס צייט האָבן מיר דראַמאַטיזירט שלום אַש׳ס „קיין אַמעריקע". די דראַמאַטיזאַציע איז געדרוקט געוואָרן אין אונדזער „פּסח זשורנאַל", וואָס האָט ערשינען אויף אונדזער פּסח קאָנצערט, אינ׳ם יאָר 1929. דער קאָנצערט איז געווען א וואונדערבאַרער ערפאָלג. פאַר דעם ערפאָלג האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונדזער ליבע און טייערע לערערן חברטע לאה-ק. האָפמאַן. זי האָט פאַרפאַסט, און אָנגעפירט מיט דעם קאָנצערט.

אַלע לערער וואָס האָבן מיט אונדז אין יענער צייט געלערנט, האָבן גע-קראָגן פּרעזענטן פון די קינדער. חברטע לאה, אונדזער ליבע דיכטערן, האָט געקראָגן א פּען, און זי האָט צוגעזאָגט, אַז מיט דער פּען וועט זי שרייבן, שרייבן, און שרייבן, פאַר אונדז. חבר ע.׳ס מתנה איז געווען א שוואַרצער דיריגיר שטעקן, מיט גאָלדענע רינגלען. עס האָט זיך פאַנאַנדערגענומען בא די גאָלדענע רינגלען. ער האָט עס גענוצט ווען דער כאָר האָט געזונגען. די גאָלדענע רינגעלאך האָבן געגלאַנצט פאַר אונדזערע אויגן, און דאָס האָט אונדז געגעבן די אינספּיראַציע.

קאַפּיטל 6.

אונדזערע לעצטע קלאַסן פון אַלע דריי שולן, זיינען זיך צונויפגעקומען און מיר האָבן געגרינדעט אונדזער „שעגי". דער „שעגי" איז דער נאָמען פון אונדזער קלוב. ער קומט זיך צוזאַמען צוויי מאָל אין מאָנאַט. מיר פאַרהאַנדלען וויכטיגע פראַגן, און האָבן פאַרוויילונגען. ווען זרבבל איז געקומען האָבן מיר פון אונדזער קאַסע גענומען גענוג געלט אויף א פּרעזענט, און מיר האָבן אים געשענקט א שיינע פּענע, אויף מירמל שטיין. די זעלבע זאַך האָבן מיר געגעבן צו חבר בערגעלסאָנען ווען ער איז געווען אונדזער גאַסט. פּרץ הירשביין איז געווען בא אונדז, און האָט גערעדט וועגן אידישע קינדער איבער גאָר דער וועלט, און מיר איז זייער געפעלן געווען זיין רעדע.

חבר מייזליש איז איינער פון אונדזערע לערער, און, ווי איר פאַרשטייט, אויך איינער פון דער משפחה. ער איז אויך א קליינער, אָבער ווי חבר פּאַמע-ראַנץ, מיט א גרויסן קאָפּ. איך האָף, אַז זיי וועלן זיין מיט אונדז אין פּראָמיטל שול — אונדזער איינציגע שטרעבונג.

נאָטע שעכטער, 12 י. א.

נ אַ ט ע

איך בין געבוירן געוואָרן אין טשודנאָוו רוסלאַנד אין דעם יאָר פון די רעוועלוציע. איך האָב איבערגעלעבט די רעוועלוציע. אַרום אַ האַלב יאָר נאָכדעם זיינען מיר (מיין מאַמע, מיין טאַטע און איך) אַנקלאָפן אין אַ קליין שטעטל, דעם נאָמען געדיינק איך ניט.

ווען איך בין געווען דריי יאָר זיינען מיר אַוועקגעפאָרן, מיר האָבן זיך געלאָזט פאָרן קיין קענעדע אָבער איך בין קראַנק געוואָרן אויפן שיף און מיר האָבן געדאַרפט אַראָפגיין אין לאָנדאָן. בשעת מיר זיינען געווען דאָרטן זיינען אונדזערע פאַספאָרטן אויסגעגאַנגען און קיין נייע האָבן מיר ניט געקאָנט באַקומען, האָבן מיר געדאַרפט פאָרן קיין פאַלעסטינע. ווען מיר זיינען געקומען קיין פאַלעסטינע האָבן זיי אונדז ניט געוואָלט אַריינלאָזן, האָבן מיר געדאַרפט פאָרן מיט פערד און וואָגן איבער די פעלדער ביז מיר זיינען געקומען קיין פאַלעסטינע. דאָרטן האָבן מיר זיך געמוטשעט פאַר אַ יאָר און אַ האַלב און איך האָב געליטן פון די אויגן. קראַנקערהייט האָב איך געדאַרפט לעטשען די אויגן אונטער די זון יעדן טאָג. נאָך דעם יאָר און אַ האַלב זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

מיר זיינען געפאָרן פאַר פיר וואָכן נאָכאַנאַנד. דריי וואָכן זיינען מיר געפאָרן מיט רואיקע וואַסערן, נאָכדעם זיינען מיר אַריינגעפאָרן אין די שוואַרצע וואַסערן, דאָרטן האָבן מיר שיין געהעצקעט. די מאַמע איז געלעגן די גאַנצע צייט אין איר בעטל. ס׳האָט איר געדרייט דער קאָפּ און איך אויך האָב זיך ניט געפילט באַקוועמלאַך נאָר מיין טאַטע, ער איז אַרום געגאַנגען מיט אַנדערע מענער אויפן דעק.

איך ווי אַנדערע אינגלאַך בין געווען אַ ווילדער אינגל (וואָס איך בין איצט אויכעט) ווען ס׳איז געווען אַ שיינער טאָג פלעג איך נעמען אַ קעסטל פון סאַרדינס, צובינדן אַ שטריקל און עס אַראָפּלאָזן ביי דער זייט פונם שיף צו כאַפּן פיש. נאָר איינמאָל איז אָנגעקומען אַ מאַטראָס און מיר געגעבן אַ זעלאַכע פאָר פעטש, אַז איך האָב שוין מער ניט עס געטאָן. ניין, ניין, קיינמאָל ניט. איז עס געווען אַפאָר פעטש אַז איך פיל זיי נאָך.

איך האָב שוין איבערגעלעבט אַזוי פיל קראַנקהייטן, אַז איך ווייס ניט ווי איך האָב עס דורכגעלעבט אַלע די צרות. און ווען די שיף איז אַריינגעפאָרן אין עלים איילענד, האָט מיר נאָך דער טאַטע געדאַרפט טראָגן אויף די הענט. מיר האָבן געדונגען אַ צימער און האָבן דאָרט געוואוינט ביז מיין פעטער האָט אונדז געשיקט באַן בילעטן און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן קיין שיקאַגאָ. ס׳האָט אונדז גענומען פיר און צוואָנציק שעה פאָרן פון ניו יאָרק ביז שיקאַגאָ.

דאָ האָבן פאַר אונדז געוואַרט באַקאַנטע און אייגענע, זיי האָבן אונדז באַגלייט אַזוי ווי קלעזמער. מיין פעטער האָט אונדז איינגעלאַדן צו זיך אין הויז און געמאַכט אַ אונטערנעמונג און ס'האָט זיך צוזאַמענגענומען אייגענע. ס'איז דורך געגאַנגען אַ פּאָר מאָנאַטן. מיין פאָטער האָט אַרויסגענומען זיינע ערשטע פּאַפּירן צו ווערן אַ בירגער. ער האָט זיך דאַן פאַרנומען מיט פעדלעריי. ער האָט פאַרקויפט אונטער וועש און אַ זעלעכע אַנדערע זאַכן.

ווען איך בין געוואָרן זעקס יאָר אַלט האָב איך אָנגעהויבן גיין אין פּאַבליק סקול. מיין קאַזין האָט מיר גענומען דאָרטן אינדערפרי אָבער אַהיים נעמען איז ער מיר ניט געקומען נעמען. ער האָט זיך געוואָלט שפּילן בייסבאָל מיט זיינע חברים און זיך ניט געוואָלט אַרומגיין מיט מיר ווען זיינע חברים זיינען דאָרטן געווען, דער פאַר זיי האָבן אים גערייצט, אַז ער גייט אַרום מיט אַ גרינ-האָרן. זיי האָבן מיר גערופן גרינהאָרן אָבער איך האָב זיי ניט געשיינקט אויפ-מערקזאַמקייט. סיי ווי האָב איך ניט געוואוסט וואָס דאָס מיינט.

ווען איך האָב אָנגעהויבן פּאַבליקסקול האָב איך ניט געוואוסט וואָס די לערערן האָט געזאָגט. אַז זי האָט מיר געפרעגט האָב איך געדאַרפט פרעגן אַן אידישן אינגעלע וואָס עס מיינט און אים געבן דעם ענטפער אין אידיש און ער האָט עס איבערגעזעצט אויף איינגליש פאַר די לערערן. ווען די לערערן פלעגט זאָגן „הא דו יו דו" (דאָס מיינט, וואָס מאַכסט דו) פלעג איך ענטפערן „ניין" דערפאַר איך האָב ניט געוואוסט וואָס דאָס מיינט. אָבער צו ביסלאַך האָב איך זיך אויסגעלערנט.

ווען איך בין געווען זיבן יאָר האָב איך שוין אָנגעהויבן גיין אין די שלום עליכם פאָלקשולע נומבער צוויי. די מאַמע האָט מיר געוואָלט געבן אַן אידישע ערציונג. מיין ערשטער לערער איז געווען מ. ער איז געווען אַ מאַן אין די יאָרן און האָט געהאַט אַ קליינע וואָנציע, ער איז געווען ניש קאַשע אָבער ער האָט מיר אָפטמאָל אַרויסגעטריבן פונם קלאַס (דאָס איז ניט קיין נייע מאָדע). זיין שוועסטער יענטע האָט אונדז געלערנט זינגען. די שולע איז געווען אויף דיוויז און קעמבל און איז געווען צו קליין. האָט זיך די שולע איבערגעקליבן אין אַן אַנדער הויז, וואו די באַלעבאָסטע איז געווען אַזוי גראָב, אַז ווען זי איז געגאַנגען פון אויבן האָט זיך די סטעליע געטרייסלט. דער לערער וואָס מיר האָבן געהאַט איז געווען ב. ער איז געווען אַזאַ קליינער אַז מען האָט אים קוים אַרויסגעזען אין אַ גרופּע מענטשן. ער האָט זיך געגלאַכט פיטן, האָב איך און מיין חבר מאָטל איינמאָל אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל.

איך האָב אים אַריינגערופן אין קלאַסצימער און אָנגעהויבן פיטן מיט אים. איך האָב דערווייל אָנגעזאָגט מאָטל אַז ער זאָל אַרונטערקריכן אונטער זיינע פיס און איך וועל אים אַ שטופּ טאָן וועט ער פאַלן, איז אַזוי טאַקע געשיין, אָבער אין כעס איז ער ניט געוואָרן ווייל ער ווייסט אַז איך בין באַוווּסט פאַר אַ גרוי-סער שטיפער און קאָמאַנדעווער. אָבער איין מאָל האָב איך געהאַט שפּאַס, איך האָב זיך אַזוי אָנגעלאַכט אַז איך האָב געדענקט אַז איך וועל פּלאַצן.

ס'איז געקומען צו אונדז אַ לערער האָט ער גערעט שטימפּעליאַווע. ער האָט ניט געקאָנט זאָגן אַ „ל" און אַ „ש". ווען ער האָט געוואָלט זאָגן „די לערער פון די שלום עליכם שול", האָט ער געזאָגט: „די ווערער פון די וואָום אווייכם שווו". די קאָמאַנדע (דאָס מיינט מאָטל, זלמן, און איך) האָבן אים נאָכגעמאַכט, איז ער געוואָרן אין כעס און אונדז אַוועקגעשיקט אַהיים.

אָבער דאָ האָבן מיר (דאָס הייסט די שולע) אויך ניט געשטאַנען אין איין פּלאַץ. זי האָט קיין עין-הרע אַ הויז פאַר זיך אַ דריי-מאָווערדיקע געביידע. דאָ האָב איך באַקומען דער בעסטער לערער חבר פּאָמעראַנץ מיט אים קען מען האָבן שפּאַס אָבער ניט אַלע מאָל. אָבער ווען ער ווערט בייז קען מען מיט אים ניט שפּאַסן. אָדער ער רופט אָפּ מיינע עלטערן, אָדער וואַרפט מיר אינגאַנצן אַרויס. ער ווייסט אָבער אַז ס'איז אין מיין נאַטור צו שטיפן, ער האָט אויך ליב צו קאָמאַנדעווען. ער איז אַ קליינטשיקער און קען אַרום לויפן. און ס'איז דאָ נאָך אַ לערער פון שול איינס און שול דריי (ער לערנט מיטביידע שולן.) ער איז אויך אַ קליינטשיקער. מיין מזל איז אַז אַלע לערער זיינען קליינטשיקע, זיין נאָמען איז מייזליש.

אין די שולע האָבן מיר פיר קלאַסן און איך צוזאַמען מיט זיבן אַנדערע קינדער זיינען אין עלטסטן קלאַס. (די אַנדערע קינדער דאַרפן דרך-ארץ האָבן פאַר אונדז) מען רופט אים דער גראַדואירונג קלאַס, דערפאַר מיט קינדער פונם עלטסטן קלאַס דאַרפן גראַדואירן.

מיר די גראַדואירנדיקע קינדער האָבן אַ קלוב וואָס מען רופט דעם „ש. ע. ג.". דאָס הייסט שלום עליכם גראַדואירער. דער „שעג" באַשטייט פון זעכטסן קינדער. חנה קאָמעקי איז די פּאָרזיצערן, מענדל זילבערמאַן איז וויצע פּאָרזיצער, דאָבע איזראַעל איז סעקרעטאַרשע און איך אַליין בין קאַסירער. די קאַסע באַשטייט מער ניט וויפל ניין און ניינציק סענט. איך האָף איך וועל האָבן מער. מיר האָבן געהאַט מער אָבער מיר האָבן אויסגעגעבן אויף אַ מתנה פאַר זרובבל און ס'איז געקומען אַ מאַן מיט אים האָבן מיר אים אויך געדאַרפט געבן אַ מתנה. מיר האָבן זיי געקויפט אַ פאַנטן פּען.

מיר די קינדער פון „ש.ע.ג." האָבן באַשלאָסן געבן אַ מתנה די שולע איידער מיר גייען אַריין אין פראָמיטלשול.

מיר די שעגניקעס האָבן אונדזערע מיטינגען יעדע צוויי וואָכן ביי אימיצן אין הויז, דאָרטן געבט מען נאַשעריי און מיר האָבן אונדזערע מיטינגען. מיר דיסקוטירן פראַגן ווענן דער וואָך און געבן פאָרשלאַגן. ווען איך גיי צו אַ מיטינג דאַרף פּאָמעראַנץ מיר אַרויסטרייבן. איך בין שוין געוואוינט צו די צרות. יעצט האָבן מיר די זיצונגען איינמאָל אַוואָך דערפאַר ס'איז פאַר גראַדו-אירונג און מיר דאַרפן אַ סך טאָן.

איך בין יעצט צוועלף יאָר אַלט און בין אַלטס נאָך דער זעלבער נאָטע שעכטער דער שטיפער.

מענדל זילבער

מענדל זילבערמאַן, 13 י. אַ.

מיין באָבעס מעשׂות

איך בין אַזוי געלעגן אף אַ ווייכע זאָפע און טראַכט איבער דער צייט ווען איך בין געווען אַלט אַ יאָר זיבן אַכט. אַט זע איך ווי מיין טאַטע שלעפּט מיר אויף אַ שליטעלע און ווי מיין באָבע דערציילט מיר מעשׂות פון איר לעבן אין דער אַלטער היים. די זאָפע איז אַזוי ווייך און וואַרים און די מאַמע זיצט און נייט און איך טראַכט און איך טראַכט. אַט זע איך ווי די מאַמעס נאָדל און פאָדים ווערט פאַרפּלאָנטערט. אין דעם פאַרפּלאָנטער שטעל איך זיך פאָר איז אויך אַ פּלאָנטער מיין קינדהייט. אַט נייט זי שנעל און שיין און דאָס שטעל איך זיך פאָר אַז דאָס איז אויך דאָס גלייכקייט אין מיין לעבן. דאָס איז ווען אין שולע און אין סקול איז אַלץ גוט און פיין.

וואָס איך האָב אַמבעסטן ליב איז דער באָבעס מעשׂות. און פאַרוואָס האָב איך אַזוי ליב דער באָבעס מעשׂות? איז ווייל עס קומט פון איר אייגן מויל. איך זע נאָך ווי זי זיצט אויבן אויפן בעסטן שטול באַם פייער און אַלע קינדער זיצן אַרום איר און זי דערציילט אַ פּאָר מעשׂות פון די חיות באַ איר אפן הויף.

„לאַנג צוריק, געווים אַ צוואַנציק יאָר, איז דער זיידע אַריין אין שטעטל און געקויפט זייער אַ שיינעם פערד. ער איז געווען אַ שוואַרצער מיט אַ ווייסן פלעק אויף זיין שטערן. דער פערד האָט געקאָנט לויפן ווי דער ווינט, און איז געווען זייער אַ שלאַנקער. דער זיידע האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס פאַרקויפן די מענטשן אַזאַ שיינעם פערד פאַר נאָר 50 רובל. דער זיידע האָט טאַקע אויסגעפונען פאַרוואָס זיי האָבן פאַרקויפט אַזאַ פערד פאַר 50 רובל.

אַזוי האָט ער אויסגעפונען:

איינמאָל אין אַ שיינע ווינטערנאַכט איז דער זיידע אַרויסגעפאָרן מיט זיין פערד און שליטן. ער איז אַזוי געפאָרן און ווען ער איז געקומען צו אַ פּלאַץ וואו ער האָט זיך געדאַרפט אומדרייען און פאָרן אַהיים האָט דער פערד דערזען די לבנה. האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, אַנגעהויבן הירזשען, איבערגעקערט דעם שליטן און אַנטלאָפן. אינדערפרי איז ער אַהיים געקומען אַ פאַרמאַטערטער פון זיין לויפן די גאַנצע נאַכט. איצטער האָט דער זיידע פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען האָט דעם פערד פאַרקויפט אַזוי ביליג...

די מעשׂה וואָס אינטערעסירט מיר מערסט מיט דעם פערד איז די.

אין איין שיינער לבנהנאַכט זיינען מיר אַלע געזעסן אינדרויסן ווען מיט אַמאָל דערהערן מיר אַ קלאַפּן וואו עס איז אויף די ווענט. דער קלאַפּן האָט זיך געהערט ווי איינער קלאַפּט אף די ווענט מיט אַ שווערן האַמער. ווען דאָס

קלאַפּן האָט ניט אויפגעהערט האָבן מיר זיך דערשראָקן „וואָס קען עס זיין?״ פרעגט די מאַמע.

„לאָמיר גיין אויסגעפינען, וואָס דאָס קלאַפּן איז״, זאָגט דער זיידע, און אַלע לאָזן זיך גיין זוכן וואו דער קלאַפּן קומט. איך זוך אין קעלער, אָט אַלע זאַכן זיינען אויף אַן אָרט. די מעל אפן קאַסטן, די אוגערקעס לעבן וואַנט, דער וויין לעבן די אוגערקעס, די ווייץ אויבן אויף דער פּאָליצע אַלץ אין אָרדענונג״. איך גיי אין שטוב. אין שטוב קלאַפּט ניטן אַלע זוכן פאר דאָס קלאַפּן, אַלען

מיר קומען זיך צונויף און פרעגן איינער דעם אַנדערן „האָסטו געפונען? האָסטו געפונען?״ אַלע קוועטשן מיט די פּלייצעס. מיט אַמאָל טראַכן און מיר אַלע קוקן זיך אַרום דערשראָקענע. די באָבע איז די ערשטע וואָס קען זיך קאָנטראָלירן און זי שרייט, „אוי וויין דער שטאַל איז איינגעפאַלן״

וועט איר פרעגן ווי אַזוי דער שטאַל איז איינגעפאַלן? וועל איך אייך דערציילן.

מיטאַמאָל האָט דער פערד דערזען די לבנה. האָט ער זיך אַוועק געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און אָנגעהויבן קלאַפּן אויף די ווענט פון שטאַל. האָט ער אַזוי לאַנג געקלאַפּט אויף די ווענט ביז דער שטאַל איז איינגעפאַלן אויף אים.

מיינע טייערע לייענער, קענט איר זיך פאָרשטעלן אַ דערשראָקענעם פערד מיט אַסך ברעטער און שטרוי אַרום זיך און אַלע מענטשן אויך אַרום אים. די הינער מיט די גענדז שרייען אַ קוואַטשקען. דער הונט בילט, די קו מעקעט, די גוים שרייען, אַלץ איז אין אַ טומל.

מיר האָבן געכאַפּט דעם פערד, אַרויפגעצויגן אַ זאַק אויף זיין נאַרישן קאָפּ און אָנגעבינדן צום הויז און אים צוגעדעקט. אַזוי איז ער דורכגעשלאָפן וואָס עס איז געבליבן פון די נאַכט.

מיר האָבן אויך געכאַפּט די קו און איר אָנגעבונדן צום הויז אַף דער אַנדער זייט. די הינער און די גענדז אַריינגעטריבן אין קיך וואו זיי זיינען דורכגעשלאָפן וואָס איז געבליבן פון די נאַכט. דעם הונט איינגעשטילט, און מיר אַליין זיינען געגאַנגען שלאָפן.

די גאַנצע איבער קערעניש איבער אַ נאַרישן פערד.

*

און אָט איז וואָס די באָבע דערציילט אונדז אויך. מיר האָבן געהאַט אַ רויטן הונט מיט לאַנגע אויערן און אַ קורץ עקל. ער האָט געהאַט אַ ווייסן פלעק אפן הארצן. ער איז אַלע מאָל געשלאָפן אפן אויוון, ווינטער און זומער. אַסך מאָל איז ער געשלאָפן אין דרויסן אָדער אין שטאַל, דאָס איז נאָר געווען אין זומערצייט. ער איז געווען זייער אַ גוטער היטער פון דער הויז און ער האָט געהיט די הויז און די גענדז. ער האָט געהאַסט די קאַץ, און די קאַץ אויב זי איז אַריין אין זיין וועג וואָלט ער איר דערמיימעסט. איין מאָל ווען די קאַץ

איז אריין אין שפּייז אַלמער האָט ער איר באַלד אויפגעגעסן. ער האָט זיך אָוועק־געלייגט אויף די שפּייז ביז מיר זיינען אריינגעקומען אין שפּייז־אַלמער. פאַר־שטענדלאַך האָט מען עס ניט געקאָנט עסן, אָבער ער האָט געמיינט גוט. די מעשה האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער מעשה, וואָס איך וויל אייך דערציילן. עס איז מיט אַ שבתדיקן קוגל.

דער באָבעס שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט מיט בערג. די שול האָט זיך געפונען אויף דעם שפּיץ פון דעם גרעסטן באַרג. פרייטיק צו נאַכטס האָבן זיך געלאָזט אַלע אידן צו דעם מרחץ, דאַן האָט טיגער געשפּילט זיין ראָל.

ער האָט זיך אריינגעגנבעט אין שטוב אויפגעעפנט דעם אויוון און אַרויס־גענומען דעם קוגל. די אויוונס אין דער אַלטער היים האָט מען פאַרקלעפּט מיט קאַלך. מסתמא וועט איר פרעגן פאַרוואָס פאַרקלעפּט מען אַן אויוון? איז כדי די היץ זאָל זיך ניט אַרויסשפּאַרן. פלעגט טיגער אַרויסקראַצן די קאַלך פון די שפּאַלטן, אַרויסכאַפּן דעם קוגל און אַוועקלויפן. אַסך מאָל וועט ער עס אויפעסן אָבער וויפיל קוגלען קען אַ הונט עסן? האָט ער די איבעריקע פאַרשלעפּט.

איינמאָל האָט מען אים געפּאַקט באַ דער אַרבעט און מען האָט אים באַלד אַוועק געהאַרגעט, וואָלט ניט אַ פּור פאַרבייגעפאָרן. האָבן די מענטשן וואָס האָבן אים געכאַפּט געדאַרפט אַרונטערלויפן פון וועג וואָלטן זיי אים דערהאַרגעט. אָבער זיי זיינען אַרונטערגעלאָפן פון וועג און געלאָזט טיגערן צו ראַטעווען זיין אייגן לעבן און טיגער איז אַוועקגעלאָפן, מיינט ניט אַז זיי, די מענטשן וואָס האָבן אים געכאַפּט, האָט דאָס אָנגעקומען לייכטן פון דאַן אָן האָבן די פאַמיליעס ניט געהאַט אַ קוגל שבת פאַר מיטאָג. אַזוי איז ער אַרומגעלאָפן איעדן פרייטיק צו נאַכטס, אַלעמענס קוגל אַוועקגעשלעפּט אָדער אויפגעגעסן חוץ אונדזערן.

דערפאַר האָבן מיר געהאַט אַ זונטיקן אַלע אידן האָבן זיך געלאָזט צו אונדזער הויז ווי פרייטיק צו נאַכט צו דעם מרחץ, אַלע מיט דערזעלבער טענהן וואו איז אונדזער קוגל?"

ענטפערט די באָבע, „דער הונט האָט עס אויפגעגעסן!"

„וואָס?" שרייט די אידענע „דער הונט האָט עס אויפגעגעסן! איך וועל אים צושניידן ווי אַ הערינג אויב איך כאַפּ אים! איך ווייס שוין וואָס איך וועל טאָן איך וועל אים, איך וועל אים פאַרסאַמען! איך וועל אים שיסן!" זי ווייזט און שאָקלט איר קולאַק.

די באָבע, פאַרשטענדלאַך, ענטפערט אַז אויב זי קען אים פאַרסאַמען לאָז זי עס טאָן, אָדער אים שיסן אָדער אים צושניידן ווי אַ הערינג, לאָז זי עס טאָן. (די באָבע האָט געוואוסט אַז טיגער איז צו קלוג צו פאַרסאַמען אים.) אָט איז די ווערטער וואָס זי נוצט.

„איז עס מיין עסק וואָס דער הונט טוט? פון מיינעט וועגן קען ער זיך דערהרגענען. איך קער ניטן" (די באָבע האָט דאָס ניט געמיינט.) די פרוי פאַר־שפּרעכט אַז זי וועט אים הרגענען און גייט אַוועק אַן אינכעסע. די איבעריקע זאָגן די זעלבע זאַך, זיי וועלן אים אַוועקהרגענען.

אַט איז נאָך אַ פרויס מיינונג וועגן טיגערן, און אויך אַ געשפּרעך מיט דער באָבע:

מיר זיצן ארום טיש און עסן. מיטאָמאָל הערן מיר אַ קלאַפּן אויפן טיר, און מען קען שוין הערן ס׳איז אַן אינכעסער קלאַפּ. די באָבע עפנט די טיר. אַ גראָבע פרוי קומט אריין און גיט אַ זעץ מיט דער טיר און גיט אַ געשריי מיט אַן אַ גוט מאָרגן. „וואו איז ער, דער הונטן״

פרעגט די באָבע „וואָס האָט ער איצטער געטאָן?״

וואָס ער האָט געטאָן? ער האָט ארויסגעגנבעט מיין קוגל פון אויוון, און איר ווייסט זייער גוט וואָס אַ שבת מיינט אָן אַ קוגל. אַ שבת אָן אַ קוגל איז ווי אַ קאַץ אָן אַן עק. אוי זאָל נאָר אַ מיתה משונה אים כאַפּן״

„נאַרעלע״, ענטפערט די באָבע, וואָס קען איך דיר טאָן, מאַכן אַ נייעם קוגל? איך פאַרשפּרעך דיר אַז איבעראַכטאָג וועט עס נישט פּאַסירן״.

וואָס מיינט איר, עס האָט פּאַסירט נעקסטע וואָך? געווײסן און אַלע וואָכן שפּעטער.

אָבער טראַגיש איז געווען טיגער׳ס טויט.

לעבן אונדזער הויז איז פאַרביי געפאָרן דער באַן און טיגער האָט זיך גע-רייצט מיטן מלאך-המות. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף די רעלצן און ווען דער באַן איז שוין געווען באַלד אויף אים איז ער ארונטערגעשפּרונגען פון די רעלצן. דיין מאַמע, איך, דער זיידע, אַלע, האָבן אים געבעטן ער זאָל מער ניט גיין באַ די רעלצן אָבער ער הערט זיי ווי דעם קאַטער, און קיין זאַך און בעטעניש האָט ניט געהאָלפן. ער איז אַלעמאָל געגאַנגען צו די רעלצן. ביז דער באַן איז אים אַריבערגעפאָרן. אין דער ענדע האָט דער מלאך-המות געוואונען, לאַנג האָט דיין מאַמע געוויינט, און לאַנג האָט געוויינט די גאַנצע פאַמיליע, געוויינט פאַר זייער הונט — טיגער.

אויף מאָרגן זיינען געקומען צוויי שקצים און אים באַגראָבן. דאָס איז געווען די טראַגישע ענדע פון טיגער.

איך לאַך צו זיך. וואָס פאַר אַ משוגענער הונטן נו אַלע מענטשן און הינט האָבן אַ גוטע און שלעכטע זייט אין זיך.

באַ אַן אַנדער געלעגנהייט וועל איך אייך דערציילן נאָך אַ סך פון דער באָבעס מעשות, וואָס איז אַזוי ליב צו מיר.

יעצט איבער צו [illegible]
חנה קאמסקי
(3דר [illegible])

חנה קאמסקי, 13 י. א.

מיין שול בילדונג

ס'איז שוין פיר יאר וואס איך גיי אין שול, און איך בין זייער צופרידן מיט איר און אירע לערער. צו זאגן דעם אמת, האב איך זייער פיל ניט געוואלט גיין, אבער צום סוף האב איך געדארפט גיין. דער לערער אין דער צייט איז געווען חבר פּ. איך געדענק ווי איך בין געזעסן אין קלאס און אנגעקוקט אלע קינדער. ס'איז געווען זייער מאדנע צו מיר, אבער איך האב זיך איינגעוויינט און איך האב מער ניט געדיינקט אזוי.

איך בין געווען אין ערשטן קלאס א וואך ווען איך בין איבערגעפירט געווארן אין צווייטן קלאס. אוין ווי הויכגעהויבן איך בין געווען אין דער צייט. איך האב אראפּגעקוקט אויף די קינדער פונים ערשטן קלאס ווי איך בין זייער גרויס. ס'איז אויך געווארן אנאנדער בייט. אונדזער לערער, חבר פּ., איז אוועק לערנען אין אנאנדער שול, און אין זיין פּלאץ האבן מיר געקראגן פאר א לערערן חבריטע י. מערסטנס טייל פלעגט זי פארלייענען מעשה'לאך פאר אונדז, און אמאל האבן מיר, די קינדער אין קלאס, פארגעלייענט, אבער שרייבן האבן מיר געדארפט אין דער היים. דאס איז ניט געווען צושטימיג מיט מיר, ווייל איך האב בעסער ליב שרייבן אין קלאס. אבער דיינקט ניט אז דאס איז אלץ וואס מיר האבן געטאן. מיר זיינען אמאל געגאנגען אף שפּאצירן אין פּארק, און אין „ארט-אינסטיטוט", טעאטער, און נאך אזוינע פלעצער. מיר האבן אויך קאנצערטן געהאט, (מיר האבן איצט אויך) וואו קינדער פונים שול האבן געשפּילט, געזונגען, געטאנצט, און דעקלאמירט.

אפילו אז מיר זיינען אזוי פיל געגאנגען פאר פארוויילונגען, האט דאס אונדז אויך געגעבן וויסנשאפט.

ארום צוויי וואכן איידער איר אוועקגאנג אין דער ארבעטער רינג שול, האט חבריטע י. געזען אז איך בין פּאסיק געגוג צו זיין אין דעם דריטן קלאס, אבער זי האט אלעמאל אפּגעלייגט די צייט ווען איך זאל אריין אין דריטן קלאס. און ווען זי איז אוועקגעגאנגען פון די שלום עליכם שולן, בין איך אלץ געווען אין דעם צווייטן קלאס.

מיין ווייטערדיקער לערער איז געווען חבר ב., א קליינינקער מיט א געדיכטע קאפּ האר, זייער שווארץ. איך דענק אז ער האט געהאט אזוינע געדיכטע האר ווייל ער האט כמעט קיינמאל ניט געטראגן א היטל, א חוץ אין ווינטער, אין די פרעסט. איך וויים ניט פארוואס, איך האב אים אזוי ניט ליב געהאט, כאטש ער האט מיר גארנישט קיין שלעכטס געטאן, און ער איז געווען איינער פון די בעסטע לערער וואס איך האב געהאט. פון אים האב איך זיך געלערנט

כמעט אַלץ וואָס איך קען. ווען איך בין געווען אין קלאַס, צו אין אַ פּלאַץ וואו ער איז אויך געווען, האָב איך זיך ניט געפילט גוט, און איך האָב ניט גערעדט אַזוי ווי איך וואָלט גערעדט ווען אַנאַנדער מענטש וואָלט דאָרט געשטאַנען. אַ סך מאָל, ווען איך האָב אים געזען פון דערווייטנס, האָב איך געפּרובירט זיך אויסמיידן, און ניט רעדן צו אים. ער איז אַפילו געווען דער לערער, וואָס האָט מיר אַריבער־גענומען אין דעם דריטן קלאַס.

אין דעם דריטן קלאַס האָב איך זיך גאָר געפילט גוט. ווער וואָלט זיך ניט געפילט אַזוי ווען ער וואָלט געווען דער איינציקער אין דעם קלאַס וואָס האָט געהאַט אַזאַ כבוד? איך האָב אויך געגליכן די קינדער אין דעם קלאַס. איינער אַן אינגל אין דעם קלאַס, נ., איז געווען זייער אַ קאָמישער, און מיר האָבן זיך אַלע אַ סך אָנגעלאַכט פון אים. ס׳איז אויך געווען צוויי מיידלאַך, ח. און ב., וואָס זיינען נאָך איצט אין מיין קלאַס.ביידע זיינען זיי פיינע מיידלאַך, מיט וועמען עס איז כדאי זיך צו שפּילן. און עס זיינען אויך געווען נאָך קינדער אין קלאַס, פון וועמען איך וויל איצט ניט רעדן. אין דער צייט איז חבר ב. אַוועקגעגאַנגען, און מיר האָבן אָנגעהויבן צו האָבן אַ גאַנצע ריי לערער, וואָס יעדערער פון זיי האָט געלערנט מיט אונדז אַרום אַ וואָך צו מער. נאָר איינער פון זיי, חבר פּ., האָט מיט אונדז געלערנט אַרום דריי חדשים. כאָטש מיר אַלע קינדער האָבן גע־מאַכט שפּאַס פון אים, ווייל ער איז אַ קליינער, האָב איך אים ליב געהאַט, און איך דענק אַז אַלע קינדער האָבן זיך געפילט אַזוי.

נאָך דריי מאָנאַטן, ווען דער לערער פּ. איז אַוועקגעגאַנגען פון אונדזערע שולן, איז חבר ב. געקומען אונדז לערנען, און דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די גוטע צייטן.

ביי די גוטע צייטן מיין איך די פּראָבעס וואָס חבר ב. האָט אונדז געגעבן. אין די פּראָבעס איז געווען ווער עס לייענט דאָס שנעלסטע שטילערהייט, ווער עס לייענט שנעלער אין דער הויך, און נאָך אַזוינע פּראָבעס. דער לערער האָט אונדז, אין די פּראָבעס, געגעבן אַ געוויסע צייט אַף לייענען, און דערנאָך האָבן מיר איבערגעציילט די צאָל ווערטער וואָס מיר האָבן געלייענט. איך האָב געוואונען אין איינע פון די פּראָבעס.

ס׳איז אויך געווען גוט ווייל אין דער צייט האָבן מיר אָרגאַניזירט אונדזער קלוב, דער ש״ע״ג, וואו מיר אַלע קינדער האָבן זיך פאַרבראַכט אַלע צוויי וואָכן. ביי די זיצונגען האָבן מיר פאַרהאַנדלט אַלעליי אינטערעסאַנטע פּראַגעס. נאָך אונדזערע זיצונגען זיינען מיר געגאַנגען צום טיש. דאָרטן זיינען געווען אַלע גוטע זאַכן צום עסן. די טישן האָבן געגרייט די מאַמעס פון די קינדער.

אין אונדזער קלאַס איז געווען אַן אינגל, א. ר., וואָס ער האָט זיך זייער ליב געהאַט קריגן. אַזוי ווי איך האָב אויך ליב זיין די גערעכטע, האָבן מיר זיך ביידע זייער פיל געקריגט. איך ווייס פאַרוואָס? אַלע נאַרישע זאַכן אויף דער וועלט. אַז איך האָב געזאָגט אַזוי, האָט ער געזאָגט אַנדערש. אַזוי ווי פּיניע און עליע אין שלום עליכמ׳ס בוך, „מאָטל, פּייסי דעם חזנס״. דער אינגל האָט טאַקע

פארלאזט די שול איבער דעם. צוויי מאל האט ער עס געטאן, אבער דאס ערשטע מאל האט חבר ב. זיך דורכגערעדט מיט אים, און ער איז צוריקגעקומען.

איינע פון די ביכער וואס מיר האבן געלייענט איז געווען „קיין אמעריקע" פון שלום אש. מיר האבן דאס געלייענט אין קלאס און געהאט זייער פיל פאר-גענינגן פון דעם. דערנאך האבן מיר דאס דראמאטיזירט, דאס הייסט, יעדע שול האט געהאט א טייל אף דראמאטיזירן. די ארבייט איז אויך געווען אינטערעסאנט.

אין דער צייט איז חבר פ. געווען אין שול איינס לערער, אבער ער איז געקומען אונדז לערנען, ווייל חבר ב. איז אוועקגעגאנגען.

מיט חבר פ. איז אויך געקומען א פריילאכע צייט, ווייל ער איז אזא מענטש וואס האט ליב זיין פריילאך. ער איז א קורצער, (אזוי ווי כמעט אלע אונדזערע לערער זיינען געווען,) מיט א צייכן פון שיינקייט אף זיין האלדז. איצט האבן מיר שוין גענומען טראכטן וועגן אונדזער גראדואירונג, וועגן די פראבעס. חבר פ. האט אונדז געגעבן פראבעס, וואס מיר האבן געדארפט לייענען, און דערנאך ענטפערן אף די פראגעס.

צו אונדז אין קלאס איז צוגעקומען א מיידל, ש., פון דעם ערשטן טאג אן האב איך איר געגליכן, און איך דענק אז זי האט מיר אויך געגליכן; אבער די אנדערע קינדער פון קלאס האבן מיר אנגערעדט אז זי איז ניט קיין גוטע מיידל, און אז איך זאל מיט איר ניט גיין. האב איך, ווי א נאר, זיי געפאלגט, און איך בין מיט איר מער ניט געגאנגען. זי האט געזען אז איך וויל ניט זיין מיט איר, האט זי מיר מער ניט באמערקט. איצט איז די מיידל געווארן פאפולער מיט די קינדער פונ׳ם קלאס, און מיר באמערקט זי נאר ווען ס׳איז ניטא קיין אנדערע קינדער ארום איר.

חבר פ., און אלע לערער האבן געארבעט שווער פאר אונדזער גראדו-אירונג, און איך דענק און האף אז עס וועט זיין אזוי ווי זיי האבן געפלאנעוועט, אן ערפאלג.

מיט ליבע געפילן פון דין מנוחה׳לע.

מנוחה בן־עמי, 13 י. אַ.

מיין דרייזע

(אַ פֿאַנטאַזיע) (אַטאָביאָגראַפֿישע מעשה)

I.

די „דעלס" אין וויסקאָנסין איז אַ וואונדער סיינער פּלאַץ און דערפֿאַר הייב איך מיט זיי אָן דעם אינטערעסאַנסטן קאַפּיטל אין מיין לעבן. — דאָרט אין די דעלס צווישן די וואַסערפֿאַלן, די גרויסע וואונדער־קאָלירטע שטיינער אין די ווילדע, פּרימיטיווע וועלדער.

דער קאַפּיטל אין מיין לעבן עפֿנט זיך אין דער זומער צייט אין די ערשטע טעג פֿון יולי. גראַדע דעם יאָר איז יולי געווען אַזוי הייס, מע האָט זיך געקענט אָפּקאָכן.

אָבער מיר (דאָס הייסט דער טאַטע, די מאַמע און די כאַליאַסטרע) האָבן ווינציג געפֿילט די היץ. נאָר דורך די צייטונגען וואָס מיר האָבן געקראָגן אַ וואָך שפּעטער ווי זיי זיינען ערשינען, האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן די גרויסע היצן וואָס זיינען געווען אין שטאָט.

אין די אייז קאַלטע וואַסערן האָבן מיר זיך געבאָדן יעדן טאָג, און ווען ס'איז געוואָרן אַביסל צו הייס פֿאַר באַקוועמלעכקייט אַרום דעם קליינעם „פֿיין גלען האָטעל", האָבן מיר זיך אוועקגעזעצט אין די נאַטירלאַכע בענקלאַך וואָס די נאַטור האָט אַליין געשאַפֿן צווישן די גרויסע שטיינער, אָדער מיר האָבן גענומען אַ בוך און זיך געזעצט לייענען אין די קילע שאָטנס פֿון די גרויסע ביימער און די וועלדער אַרום אונדז.

II.

אפשר איז ווייל איך בין צו אומרוהיג, אָדער אפשר איז עס נאַטירלאַך, אַז ווען די צווייטע וואָך איז געקומען, איז דער לעבן מיר שוין געווען נמאס.

איצטער קענט איר פֿרעגן, ווי קען ווערן נמאס אין אַזאַ אינטערעסאַנטן, שיינעם פּלאַץ? קען איך אייך דערויף ענטפֿערן מיט די פֿראַגע, וואָס איך האָב געטאָן אַחוץ עסן, שלאָפֿן, אַביסל שווימען, אַביסל גיין און אַביסל לייענען?

ס'איז מיר אַזוי נמאס געווען אַז איך וואָלט אָנגעשריבן אַ אידישע קאָמפּאָזיציע מיט פֿאַרגעניגן, און ווען מעקען מיך מאַכן אָנצושרייבן אַ אידישע קאָמפּאָזיציע אַן ערגעניש איז דאָס זיכער אַ גוטער באַווייז ווי איבערדריסיק מיר איז געווען.

מנוחה בן־עמי

גאַנץ אָפּט ווערט אַ לעבן פון פאַרגעניגן פון וואוילטאָג — אַזאַ לעבן ווי איך האָב געלעבט אין די דעלס גיבער נמאס און מאַנאָטאָן ווי אַ לעבן מיט אַ געווייסן ציל; וואָס איז אַ סיסטעמאַטיש לעבן מיט אַ געווייסן מאָס ארבעט יעדן טאָג און מיט אַ געווייסן מאָס פאַרגעניגן יעדן טאָג.

. . . .

III.

גראַדע אין די צייט האָט עפּעס געטראָפן וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף מיין גאַנצן לעבן. וואָס האָט מיר געגעבן אַ טעמע פאַר מיין אָטאָביאָגראַ-פישער קאָמפּאָזיציע, וואָס האָט מיר געראַטעוועט די סיטואַציע אין די דעלס און וואָס האָט מיר געגעבן אַ צוויי מאָנאַטן פון פאַרגעניגן.

. . . .

IV.

ס'איז טאַקע געווען אַ „גרויסע שמחה אין שטעטל" ווען מע פלעגט קריגן אַ צייטונג. נאָר דער געוויסער צייטונג האָט געהאַט עפּעס איטערעסאַנטעס פאַר מיר אַליין. איך גיב אַ קוק אין צייטונג און האָב זיך באַלד דערפרייט: אַ באַקאַנ-טער אידישער זשורנאַל האָט אַרויסגעגעבן אַ קאָנטעסט. דער קאָנטעסט באַ-שטייט פון שרייבן עסייען. איבער אַ זייער פּאָפּולערער באַקאַנטער אידישער צייט פראַגע.

מיין ערשטער געפיל איז געווען אַ געפיל פון פרייד. נאָכדעם, ווען איך האָב איבערגעקוקט די דעטאַלן פון קאָנטעסט האָבן מיינע געפילן פון פרייד זיך געביטן צו געפילן פון ענטוישונג. פאַרוואָס? כ'האָב געזען אַז די עסייען וועלן באַדאַרפן אַריינקומען אין אַ וואָך פון דעם טאָג און די פּאָשטע באַ אונדז פאַרשפּעטיקט זיך זייער, און אויב איך וואָלט געוואָלט אַז מיין עסיי זאָל אָנ-קומען אין צייט, וואָלט איך עס באַדאַרפט אַרויסשיקן דעם קומענדיקן טאָג זייער פרי. דאָס וואָלט געווען מיין לעצטע דאגה. מע שיקט נאָך ניט אַזוי גרינג. פריער דאַרף מען דאָס אָנשרייבן און וועגן דעם האָב איך געהאַט מיינע ספקות.

די טעמע איז געווען אַ שווערע, אַ טיפע, — ניט מיין דאגה (ווי דער טאַטע האָט געזאָגט), ניט מיין זאַך (ווי די מאַמע האָט געזאָגט).

פון דעסטוועגן האָב איך דאָס געוואָלט, און האָב זיך באַלד אַוועקגעזעצט שרייבן. אויף מאָרגן בין איך גאַנץ פרי אויפגעשטאַנען, זיך שנעל אָנגעטאָן, איבערקוקט מיין קאָמפּאָזיציע, אַביסל נעלאָכט טראַכטנדיק — . וואָס וועלן זיי טראַכטן ווען זיי וועלן איבערקוקן מיין „עסיי"?

נאָכדעם בין איך פריילאַך צוגעלאָפן צום קליינעם „פּאָסט אָפיס" אַריינ-געוואָרפן מיין בריוול און בין אַהיים געשפּרונגען גאַנץ צופרידן מיט זיך.

כ'האָב געהאַט גענוג וועגן וואָס צו טראַכטן די קומענדיקע עטלעכע טעג, ווייל מיין פעטער איז געקומען און מיר האָבן זיך זייער פיין פאַרבראַכט. און איך האָב נאָר פאַרגעסן אָן מיין עסיי.

. . . .

V.

שרייבנדיק אַזוי דערמאָן איך זיך אַז איר ווייסט אַפילו ניט מיין נאָמען, וואו איך וואוין, ווער מיין טאַטע מאַמע זיינען, און לייענענדיק מיין קאָמפּאָזיציע וואָלט איר אפילו ניט געוואוסט צי דאָס איז אַ מיידל צי אַ אינגל, וואָס שרייבט עס

איז עס געוויס רעכט אַז איצטער זאָל איך שרייבן אַ קורצע אָטאָביאָגראַפיע וועגן זיך, אַן ענטפער צו די אַלע פראַגעס וואָס שטעלן אייך מסתמא אין קאָפּ.

יאָ, איר זיינט גערעכט, כ'בין אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, דרייצן, און מיין נאָמען איז מנוחה בן-עמי. כ'וואוין אין שיקאַגע, כ'האָב אַ זיסע ליבע מאַמע און אַ גוטער ליבע טאַטע, און צוויי שוועסטערלאַך. כ'בין געזונד, גיי אין היי-סקול און בין לעבעדיק און פריילאַך. מיינט אָבער ניט אַז איך בין אַ קליין מלאך'ל, ווייל דאָס בין איך געוויס ניט. איך שלאָג זיך אָפּט גענוג מיט מיינע שוועסטערלאַך, איך פאָלג ניט די מאַמען, איך טו ניט מיינע היים-אַרבעט און אַסך אַנדערע זאַכן וואָס מע באַדאַרף ניט טאָן.

נאָר ווי איך קוק אויף די זאַך זיינען די אַלע זאַכן אַ נויטיקייט. איך שטעל זיך פאָר דעם לעבן ווי אַ שטיקל טייג וואָס מען מאַכט. די טייג קען זיין געמאַכט פון מעל און וואַסער און אַלץ זיין טויג. נאָר וואָס פאַר אַ טעם האָט עס? מען קען אויך אָבער אַריינטון זאַלץ, פעפער, צוקער, ניס, מילך, פּוטער, צימרינג און אַנדערע בשמים.

זאַלץ איז ביטער, זייער זאַלציג און ביטער (ווי אונדזערע קליינע קריגערייען אָדער ביטערע רייד), נאָ זיי זיינען נויטיק אויב מיר ווילן אַז אונדזערע לעבנס זאָלן ניט זיין ווי אַ שטיק טויג פון וואַסער און מעל. מיינט אָבער ניט אַז איך דיינק אַז קריגערייען זיינען זייער שיין צו וואָס? נאָר אַביסל פון יעדעס איז גוט. לאָמיר זאָגן אַז מילך איז געזונד, צוקער איז ליבע, פּוטער איז געלט די בשמים זיינען רייזעס, בילדונג, פריינדשאַפט און...

זעט נאָר ווי איך בין אַוועק אָן אַ זייטן איך שרייב שוין פילאָזאָפיען!

. . . .

VI

זעקס שטונדן יעדן וואָך פאַרברייננג איך אין אַ זייער אינטערעסאַנטן באַלערנדיקן און אַמאָל פריילאַכן אויפן. צוויי שטונדן יעדן מאָנטיק, מיטוואָך, און פרייטיק פאַרברייננג איך אין די אידישע שלום-עליכם פאָלק שול.

איך גיי צוויי יאָר אין די אידישע שול און איצטער בין איך אַזוי איינגע-וואוינט און פאַראינטערעסירט — זיי זיינען אַזוי שטאַרק צוגעטשעפּעט צו מיין רוטין און צו מיין לעבן — אַז איצטער ווייס איך ניט וואָס איך וואָלט געטאָן אָן זיי. ווען איך האָב אָנגעהויבן צו גיין אין די שולע האָב איך קוים געפונען צייט. איצטער ווייס איך ניט וואָס איך וואָלט געטאָן אין דער צייט וואָס איך פאַרשווענד אין שולע. איצטער געפין איך שוין צוויי שטונדן גרינג גענוג, און דווקא (דאָווקע) איצטער האָב איך מ ע ר היים-אַרבעט און שווערערע פּיאַנע לעקציעס.

ניין, די צייט איז ניט אַנדערש איצטער, די שטונדן זיינען ניט לענגער, אַלץ איז דאָסזעלבע. נו, זאָגט אַליין פאַר וואָס געפין איך צייט איצטער? געפין איך אַזאַ אוצר פון וויסנשאַפט אין די שולן? אפשר. נאָר, אפשר איז עס ווייל די שולן זיינען אַזוי אינטערעסאַנט. קיינער ווייס ווייניקער פון מיר וועלכע אור-זאַכע פון די צוויי, האַלטן מיר אַזוי צוגעבונדן צו די שולן.

אַסך אינטערעסאַנטע און פריילאַכע אָוונטן האָבן מיר פאַרבראַכט, וואָס איך וועל האָבן לאַנג צו געדיינקען.

דאָס איז מסתמא די לעצטע קאָמפּאָזיציע וואָס איך וועל שרייבן אין די שלום עליכם עלעמענטאַרישע שולע, נאָר ווייל איך האָב נאָך דעם געלעגנהייט, וויל איך זאָגן אַלץ וואָס איך קען און וואָס איז אין פּלאַץ וועגן די שולן.

כמעט אַלע גוטע זאַכן האָב איך שוין דערציילט, די שלעכטע זאַכן זיינען זייער ווייניג. און די ניט-פריילאַכע זאַכן גלייך איך ניט צו דערציילן, כאָטש ס'איז פאַראַן אַסך צו זאָגן וועגן דעם. איך קען אָבער דאָס זאָגן אַז איך בין זייער צופרידן אַז איך גיי אין די שולן, און איצטער ווען איך גראַדואיר שוין, און גיי שוין אַריין אין די מיטל שול און קען שוין צ ו ר י ק ק ו ק ן און זען מיין עלעמענטאַרישן שול לעבן אויסגעשפּרייט ה י נ ט ע ר מיר אַנשטאָט קוקן פ אָ ר א ו י ס און זען דעם גראַדואירונג עפּעס פאַר וואָס מען דאַרף נאָך אַרבעטן. — ווען איך קוק צוריק און פאַרטראַכט זיך, און דערמאָן מיך, אַז די גראַדואירונג איז דאָך שוין אַ רעאַליטעט — דאַן זאָג איך, אַז יעדער קינד וואָס גראַדואירט איצטער מוז זיכער זיין צופרידן און שטאָלץ מיט דעם וואָס ער אָדער זי איז אַ גראַדואירטער און גראַדואירטע פון די שלום עליכם פאָלק שול.

. . . .

VII.

ווען איר וואָלט מיר נעפרעגט מיט אַ האַלב יאָר צוריק אויב איך גלויב אין ניסים, וואָלט איך זיך אויסגעלאַכט פון אייך און געענטפערט מיט זיכער-קייט, אוודאי ניטן.

ווען איר פרעגט מיר מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, די זעלבע פראַגע, וואָלט איך געענטפערט מיט זיכערקייט, אוודאין און וואָלט זיך זיכער ניט

אויסגעלאכט פון אייך. איך וואלט אויך צוגעגעבן „ווייל א נס האט זיך געטראפן מיט מירן"

נו, איצטער, פון וואס קען קומען דער גרויסער איבערבייט אין אזא קליינע צייט? וואס איז דער נס? קען איך אייך ענטפערן מיט פיר ווערטער:

כ'האב געוואונען דעם קאנטעסטן

. . . .

VIII.

נו, איצטער בין איך שוין צוריקגעקומען פון א רייזע איבער די גאנצע פאראייניגטע שטאטן כ'האב זיך גענוג אנגעזען מיט וואונדערלאכע זאכן און איך בין אפשר אביסל גרעסער, אביסל העכער, איך בין אפשר אביסל מער באלערנט נאר איך בין נאך די זעלבע מנוחה בן-עמי, און אזוי וויל איך פאר-בלייבן אין אלעמענס זכרון.

איך געדענק [illegible] אזוי. איר וועט מיך
אשר געדענקען ביים נאמען דער פאסטאק.
יינט מיינע ערינערונגען און איך האף אז
איר וועט זיך מיט פרייד דערפרייען.
דאַבע איזראַעל

דאַבע איזראַעל, 16 י. אַ.

ערינערונגען פון מיין אידישער בילדונג

אהיים קומענדיק פון אַ קינדער קאָנצערט איינמאָל, האָב איך אַזוי באַ-מערקט צו מיינע עלטערן, „ווי איך וואָלט געוואָלט קענען אידיש, לייענען, שרייבן, פאַרלייענען און זינגען ווי די קינדער וואָס מיר האָבן היינט געהערט".

אַ וואָך נאָך דער פּאַסירונג איז מיין פאָטער צו מיר צוגעקומען און מיך געפרעגט אויב איך וויל זיך היינט גיין רעגיסטרירן אין אַ אידישע שולע. הערנ-דיק זיינע ווערטער האָב איך זיך שנעל אָנגעטאָן דעם מאַנטל און צוזאַמען מיט אים געגאַנגען אין שול אריין. איך בין אריינגעקומען אין אַ גרויס הויז וואו עס איז געווען אַסך צימערן אין איין קליינעם צימער איז געזעסן דער פאַר-וואַלטער. אריינקומענדיק אין דעם צווייטן צימער האָב איך באַגעגנט אַסך קינ-דער. זיי זיינען באַלד צו מיר צוגעקומען און געפרעגט אויב איך בין אַ נייע שילערן. דערנאָך האָט דער פאַרוואַלטער מיך אריינגעפירט אין לערן צימער. דער לערער האָט מיר באַלד געפרעגט דעם נאָמען. „און מיין נאָמען איז אָשר, חבר אָשר". חבר אָשר? האָב איך זיך אַליין איבערגעפרעגט.

פאַר מיר האָט זיך געעפנט אַ נייע טיר אין לעבן. אַ נייע פּעריאָדע. ווי אַנדערש מען האָט זיך דאָ געפירט ווי אין „פּאַבליק סקול". דאָ הערשט אַ פריינט-שאַפט צוואווישן די קינדער און די לערער. זיי פירן זיך ווי חברים און זיי האַלטן זיך ווי חברים. אין סקול איז געווען אַזוי אַנדערש. די לערערן איז געזעסן ביים טיש ווי אַ דיקטאַטאָרן און דיקטאַטעד צו די קינדער. זיי זיינען געווען פרעמד איינער דעם אַנדערן.

איך געדענק ווי איך בין געזעסן אין קלאַס יעדן אָנגעקוקט. נאָכן לערנען איז חבר אשר צו מיר צוגעקומען און געפרעגט מיך וואָס פאַר אַ מיינונג איך האָב וועגן די אידישע שול נאָך די ערשטע לעקציע. איך האָב אים געזאָגט אַז פאַר מיר איז עס אַ נייעס און איך ווייס אויף זיכער אַז איך וועל עס ליב האָבן. ער האָט מיר געגיבן היים אַרבעט אַזוי אַז איך זאָל קענען איבעריאָגן די קינדער וואָס זיינען שוין געגאַנגען אין שול אַ שטיק צייט.

ווען איך בין אַהיימגעקומען האָב איך זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט. צומערשטנס געמאַכט אַן אַלעף. אַ—אַ—אַ. נאָכדעם אַ בייס. ב—ב—ב. און אַ מעם. מ—מ—מ. געמאַכט אַ מעם מיט אַן אַלעף. מאַ—מאַ—מאַ. מאַמאַ—מאַמאַ. א.א.וו. אַזוי האָב איך זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. איך האָב זיך גענומען פליי-סיק צו דער אַרבעט און נאָך אַ פּאָר וואָכן בין איך אַריבער אין צווייטן קלאַס.

איך האָב אָנגעפאַנגען לערנען וועגן זאַכן וואָס מען האָט מיר ניט דער-ציילט אין סקול. דאָס איז געווען קלאַסן קאַמף. איך האָב אָנגעפאַנגען צו פאַר-

שטיין דעם אַרבעטערס קאַמף. ווי ער איז אונטערדריקט פון די קאַפּיטאַליסטן. איך האָב זיך זייער טיף פאַרטראַכט אין די פראַגע. געפרעגט פראַגעס און געלייענט וועגן אַרבעטער. אַחוץ דעם האָבן מיר געלייענט וועגן אַרבעטער פירער.

פאַר מיר איז עס געווען אַ גרויסע איבעראַשונג ווען יודזשין וו. דעבס איז געקומען צו אונז אין די שולן. ער האָט געגיבן אַ וואונדערבאַרע לעקציע וועגן די אַרבעטער און זייער קאַמף. ער האָט אויסגעמאָלט בילדער וועגן אַרבעטער אין די מינען און אין די שעפּער. ווי שווער און ביטער עס איז זיי. א. א. וו. איך האָב אויכעט אָנגעפאַנגען לייענען וועגן אַרבעטער פירער. וועגן רעוואָלוציאָנערע שרייבער. וועגן לענינען, מאַרקס, לאַסאַל און הוגאָ.

איך וויל דאָ באַמערקן אַז ניט בלויז האָבן מיר געלערנט וועגן קלאַסנקאַמף. מיר האָבן אָנגעפאַנגען לייענען גרעסערע שריפטן. פּרץ, שלום עליכםם, רייזענס און מענדעלעס. מיר האָבן אויכעט געלייענט זייערע ביאָגראַפיעס. געלערנט געשיכטע און געשריבן קאָמפּאָזיציעס.

יעדן יום טוב פלעגן מיר פייערן. מיר האָבן דורכגעפירט גרויסע קאָנצערטן. איינמאָל האָבן מיר געפייערט דעם ערשטן מיי. מיר האָבן מאַרשירט מיט פענער אין די גאַסן און געזונגען אַרבעטער לידער. מיר האָבן אַריין מאַרשירט אין אַ גרויסן זאַל וואו מיר האָבן פאַרבראַכט.

איך האָב מער ניט באַדאַרפט האָבן אַ טענה אַז איך קען ניט אידיש. איצט האָב איך אַליין געזונגען און פאַרגעלייענט. איך האָב רחמנות געהאַט איצט אויף די וואָס ווילן ניט גיין אָדער קענען ניט ערפאַרדן גיין אין שול.

איך האָב געמאַכט נייע פריינט, ניט בלויז מיט די קינדער און מיט די לערער נאָר מיט שרייבער און זייערע שריפטן. איך וויל אייך דאָ גיבן אַ ביישפּיל פון איינע מיינע פריינט. לאָמיר זאָגן מיט שלום עליכםם שלום א. א. וו.

עס איז געקומען אַ נייע פעריאָדע צוואווישן די אַרבעטער. זיי האָבן זיך צו שפּאַלטן און מיין לערער חבר אשר איז אַרויס פון די אַרבעטער רינג שולן. פאַר מיר איז דאַמאָלס געווען אַן איבערקערעניש. איך האָב מער ניט געוואָלט לערנען. איך האָב געמיינט אַז חבר אשר איז ניטאָ איז מער ניט פאַראַן פאַרוואָס צו לערנען. איך האָב געמיינט אַז נאָך אַ לערער קען מיך ניט לערנען.

אָבער לאַנג האָב איך ניט געקענט אָוועקשטיין פון די שולן. עס האָט מיר געצויגן צוריק. צוריק צו מיינע אייגענע. ווען איך פלעג אַהיים קומען פון סקול פלעגט מיר עפּעס אויספעלן. איך בין געוואוינט געווען אַהיים קומען פון סקול, טאָן מיין היים אַרבעט און גיין אין שול אַריין.

אַ פּאָר חדשים נאָך דעם האָב איך אָנגעפאַנגען גיין אין די שלום עליכם שולן.

מיין לערער איז געווען חבר פּאַזי. ער איז געווען אַן אַנדער טיפּ לערער ווי אשר. זיין הויפּט זאַך אין לערנען איז געווען קולטור אַרבעט. מיר האָבן געלערנט מער וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור. מיר זיינען געגאַנגען צו לעקציעס און פאַרשי-

דענע אויסשטעלונגען. דערנאָך פּלענן מיר באַשרייבן אַ בילד אָדער אונזער מיינונג פון אַ לעקציע.

אָבער לאַנג איז חבר פּאזי מיט אונז ניט געווען. מיר האָבן געהאַט פּאַרשידענע לערער. איינער פון מיינע בעסטע לערער איז געווען חבר שניי. ער האָט זייער גוט געקענט לערנען מיט קינדער. איצט לערן איך ביי חבר פּאָמעראַנץ.

איך האָב ביי זיך באַשלאָסן אַז איך דאַרף און וועל אויב איך וועל נאָר קענען ווערן אַ אידישע לערערן.

איך האָב ביי זיך אין שול שוין געהאַט די מעגלאַכקייט צו לערנען מיט די קינדער. עס איז געווען איינער פון די שענסטע אָוועגטן וואָס איך האָב ווען עס איז פאַרבראַכט.

אַחוץ אונזער אַלגעמיינע לערע האָבן מיר קלובן און ביבליאָטעקן. מיר האָבן איצט איינעם פון די שענסטע קינדער קלובן איצט. אַלע קינדער אין די גראַדואירונגס קלאַסן באַטייליקן זיך אין דעם קלוב. דער נאָמען איז „שעג״. עס מיינט שלום עליכם גראַדואירער. איך האָב דעם נאָמען פאַרגעשלאָגן. מיר טוען קאָלעקטיווע אַרבעט אין דעם קלוב. גיבן פּלאַנען פאַר פאַרשידענע זאַכן. מיר האָבן לעצטן פּסח אַרויסגעגעבן אַ שריפט פון אַלע קינדער פון די שולן.

מען זאָגט אַז די סקולן טוען אויף וואונדערבאַרע אַרבעט. מיר האָבן אויסגערעכנט די שעהן וואָס מיר גייען אין סקול און פאַרגלייכט עס מיט די פאַר שעה וואָס מיר גייען אין שול. מיר האָבן באַשלאָסן אַז מיט די אומשטענדן פון די אידישע שולן, טוען מיר מער אויף אין דריי מאָנאַטן ווי די סקולס אין זעקס.

לאַנג לעבן זאָלן די אידישע שולן און שול טוערן

יצחק ראָזענפעלד, 12 י. אַ.

אַ רייבן אינגלס אַטאָביאָגראַפיע

הענרי איז זייער אַ רייכער, אומצופרידענער אינגל פון אַ יאָר פערצן. אים איז אי גוט אי שלעכט. הענרי וואוינט מיט זיין פאַמיליע אין פלאָרידאַ.

— די זון האָט שוין לאַנג אַריינגעשיינט דורך הענרים פענצטער. אַזאַ שלעפער, ער שלאָפט נאָך אַלץ היי, דו איינער, האָט זי אים אַריינגעשיינט, ס'איז שוין נאָך ניין! אָבער דער בחור ליגט און טראַכט. אָך, טראַכט ער זיך, הענרי איז אַזאַ אָרימער בחור. פונקט ווי ער וואָלט געהאַט רחמנות אויף זיך אַליין. זיינע טאַנטעס, טראַכט ער ווייטער, האָבן אויף אים גאָר קיין רחמנות ניט. סטייטש, ווי טוט מען עמיצן אָפּ אַזאַ שפּיצל. זיין טאַטע-מאַמע זיינען ערשט נעכטן אוועקגעפאָרן אין דרום-אַמעריקע. ער האָט אַזוי געוואָלט מיטפאָרן! אָבער די טאַנטעס האָבן ניט דערלאָזט אַזאַ זאַך. וואָס הייסט, הענרי אין דרום אַמעריקען דער זומער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, און זיין טאַטע-מאַמע וועלן זיין אין דרום אַמעריקע דעם גאַנצן זומער, און איצט וועלן זיינע טאַנטעס האָבן צו זאָגן איבער אים. וועט ער שוין פילן אַ טעם. און ער האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט אַ ריכטיקן זומער, און ווייטער, טראַכט ער, איז — אָבער דאָס וואָס האָט באַדאַרפט זיין ווייטער, איז מיטאַמאָל איבערגעשלאָגן געוואָרן, און עס האָט זיך געהערט, „מיסטער הענרים וואַנען" עס איז אַריין אין צימער אַ דינסט און האָט אים האַלב אַרויסגעהאָלפן און האַלב אַרויסגעשלעפּט פון בעט.

אַרויס פון דער וואַנע איז הענרי אַוועק צום טיש. „נו, הענרי, און ווי אַזוי האָסטו דורכגעשלאָפן די נאַכט?" פרעגט זיין טאַנטע. מיר איז קאַלט ווי אייז, מעכאַניש אויסגעדריקט, מיט אַ האַלבן נעכטיקן שמייכל.

— אָרר—רייטן בייזלאַך.

„זייער גוט הענרי, גיי עסן. קום מיט אונדז צו די סמיצעס און מירן שפּילן ברידזש" זאָגט זיין טאַנטע חנה.

הענרי ווערט אַלץ ברויגעסער און ברויגעסער. ער פּרובירט זיך צו קאָנטראָלירן און ווישט זיך דאָס מויל מיט זיין סערפעטקע זיינע טאַנטעס זאָלן ניט זען ווי בייז ער ווערט. אָבער ס'העלפט ניט, ער קאָכט און קאָכט, און וואָס הייסער ער ווערט, ווערן די טאַנטעס אַלץ קילער, קילער, פרעמדער, און עס ווייזט זיך אים אויס אַז זיי ווערן גרעסער, גרעסער, גרעסערן עס הייבן אָן ביי זיי צו שפּראָצן הערנער! זייערע טייוואָלישע שמייכלען שטעכן אים ווי הערנער! זיי זיינען שוין גאָלע טייוואָלים!

אָך, ליבער לייענער, איר קענט דאָך אוודאי מיינען אַז די טאַנטעס זיינען אַ שרעקן נון, שרעקט זיך ניט, זיי האָבן געמיינט אַז זיי טוען גוטס. זיי האָבן

געמיינט אַז אַזוי דאַרף זיין. אָבער אַז מען דרייט אָן אַ זייגער, לויפט ער, אַזוי איז מיט הענרין. ער איז אַלעמאָל געווען ברויגעס אויף זיי, אַלמאַי זיי מיינען אַז ער איז אַ קינד. אָבער איצט אַז זיי האָבן צושטערט זיינע פּלענער, איז פאַר־שטענדלאַך קיין גוטס פאַר זיינע אויגן ניט געשטאַנען.

— נאַכט. — אַלץ שטיל, שאַ. קיינער זעט ניט, נאָר די לבנה. זי זעט אַלץ. זי ווייס אַלץ. זי זעט און שווייגט. זי זעט און שמייכלט שטילערהייט. זי, די קעניגין פון דער נאַכט, די וועכטערן פון דער שטיל, גאָטס עדות. זי זעט ווי עס ליגט אַ שטיקל פּאַפּיר אויף אַ טישל. זי זעט ווי עס ליגט אַ ליידיקער בעט. זי זעט ווי עס גייט עמעצער אַליין. אַ נאַכט וואַנדערער? אַ נאַכט רייזע אַליין אין דער פינצטערניש?

— דער ווינט איז אומעטומן ער דער נאַכט וועכטער. דער מעכטיקער קעניג פון דער נאַכט. ער פליט פאַרביי, זעט אַלץ, און בלאָזט גוטע חלומות און טרייסט אויף זיין שטילער מלוכה.

ער זעט ווי עס ליגט אַ שטיקל פּאַפּיר אויף אַ טיש, אין אַ צימער. ער פליט צו, גיט אַ בלאָז, דאָס פּאַפּירל גיט זיך אַ הייב, און פליט אַרויס דורכן פענצטער.

די נאַכט הייבט אָן אַוועקגיין. וואָס אַמאָל ווערט מער טאָג. די שטערן פאַרלעשן זיך איינציקווייז. דער מיזרח הימל איז געוואָרן רויט, און דאָס גאָלדענע טעלערל האָט זיך אָנגעהויבן צו קייקלען איבער דער וועלט.

— מירלען חנהן גידן חנה און מירל זיינען נאָך געווען טיף אין שלאָף און חלום ווען אַ דינסט מיידל האָט זיי אויפגעוועקט. גידן גידן גוואַלדן מיט איין אימפּעט זיינען זיי אַרויסגעלאָפן פון בעט, אויפגעעפנט די טיר און געטראָפן אַ דינסט מיידל, איבעראַשט און צעטראָגן. אין איר האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שטיקל פּאַפּיר. חנה האָט געכאַפּט דאָס פּאַפּירל און האָט אָנגעהויבן לייענען... טייערע חנה און מירל, האָט עס זיך אָנגעהויבן. ווערט ניט איבעראַשט אַז איר טרעפט מיר ניט, איך קען דאָ מער ניט זיין. איר האָט מיר צופיל געפּעסטשעט. איר האָט מיר ניט געלאָזט האָבן פּאָן. איר האָט מיר ניט גלאָזט גיין אין דרום אַמע־ריקע און צעשטערט אַלע מיינע פּלענער. איך האָב ניט געהאַט קיין פרייהייט. פילט זיך ניט שלעכט, עס איז ניט אייער שולד, אפשר קענט איר זיך ניט פירן מיט קינדער. איכל אַהיימקומען ווען טאַטע־מאַמע וועלן. אפשר טו איך שלעכטס, אפשר זאָל איך ניט, אָבער איך קען זיך ניט העלפן. איך גיי צו מיינעם אַ פריינט אין מאַמי, איך וויל האָבן אַ ביסל פּאַן, דאָ קען איך ניט. — הענרי.

— ליפּט? — ליפּט — יע אַררייט — שורן אַ מאַשינע האָט זיך אָפּגע־שטעלט. אַ מאַן איז אַרויס, אויפגעעפנט דעם מאָטער, אַריינגעקוקט, פאַרמאַכט,

ווידער אריין אין מאשינע, און א מאך געטון צו איינעם א אינגל. דער אינגל האט זיך אוועקגעזעצט לעבן מאן און מען פארט.

געוויינטלאך, אז מען טרייבט א מאשינע מוז מען רעדן. עס גלוסט זיך. און אז מען פארט מוז מען אויך רעדן. עס גלוסט זיך. האבן זיך די צוויי צו רעדט.

— און וואס איז דיין נאמען? פרעגט דער מאן. „העגרי", ענטפערט דער אינגל. יע, אונדזער העגרי.

געכטן באנאכט, ווייסט איר, האט זיך העגרי ארויסגעגאנבעט פון הויז, און זיך געלאזט אין דער ווייטער וועלט אריין. ער איז אפגעגאנגען א ביסל, און זיך געלייגט שלאפן אין פעלד. ער האט איבערגעלאזט א בריוול. א דינסט מיידל האט עס געפונען, און עס איבערגעגעבן צו זיינע טאנטעס.

אבער העגרי האט שוין געהאט געגוג פאן. בשעת ער איז געשלאפן איז צו געקראכן א טרעמפ און אים בארויבט. און אז העגרי איז אויפגעשטאנען און געפונען אז וואס צו עסן האט ער ניט, און מיט וואס צו קויפן עסן האט ער אויך ניט, איז אים געווארן אימעטיק, און ער האט אנגעהויבן בענקען זייער שטארק נאך זיין היים און נאך די טאנטעס.

העלפט גאט און שיקט צו א מאשינע, מיט א גוטן טרייבער. און די וועלט דייזע ענדיקט זיך.

אפילו אז איך קען איך ניט, שיק איך איך א גרוס.
שולמית מאלקין

שולמית מאלקין, 13 י. א.

מיין אידישע בילדונג

I מיין ערשטע אידישע שול

די ארבעטער רינג שול איז געווען מיין ערשטע אידישע שול. דער לערער וועמען איך האב געגליכן איז געווען חבר טאטארסקי, אבער געלערנט ביי אים האב איך ניט לאנג, ווייל מע האט אים אפגעזאגט. אנדערע לערער וואס איך האב געהאט זענען חבר מייסן, חברטע קאפלאן, און חבר קארסן.

חבר טאטארסקי איז געווען א הויכער, מיטליאריקער מאן. ער איז געווען אונדזער פרינציפאל און לערער.

חבר מייסן איז געווען עלטער פאר חבר טאטארסקין. ער האט שוין געהאט ווייסע האר. זיין שטימונג איז געווען א לייכטע. איינמאל האבן מיר (די קינדער פון דער שול) געמאכט א סופריז שמחה פאר חבר מייסנ'ן. מיר האבן אים געקויפט א זיידן טיכעלע אלץ א מתנה. די שמחה איז געווען א דערפאלג.

איין אויסגעצייכנטע פאסירונג, וואס איז פארגעקומען ווען חברטע קאפלאן איז געווען אונדזערע לערערן אין דער ארבעטער רינג שול, וויל איך אייך דערציילן, און דאס איז וועגן אן אומאנגענעמענעם מאמענט.

איינמאל איז א מאן געקומען צו אונדז אין שול. ווען ער איז אריינגעקומען אין אונדזער קלאס-צימער האט ער געזאגט אז ער וויל הערן ווי אזוי מיר לייענען. ער האט מיך אויסגערופן צו לייענען. ווען איך האב געענדיקט האט ער מיך געפרעגט, „ווער האט דיך אויסגעלערנט לייענען?" „מיין מאמע", איז געווען מיין ענטפער. חברטע קאפלאן איז געווארן רויט. ניט ווילנדיק און זאגנדיק דעם אמת האב איך זי באליידיקט.

חבר ר. איז געווען מיין לעצטער לערער אין דער ארבעטער רינג שול. יעצט ווען מיר באגעגענען זיך מאכט ער זיך ניט ווויסנדיק.

אבער די שול האט צוביסלעכוויים פארלוירן פאר מיר דעם רייץ. ווען איך בין שוין געווען אין פערטן קלאס האב איך אויפגעהערט גיין אין דער ארבעטער רינג שול. איך האב באזוכט די שול פאר א יאר אדער א יאר און א האלב.

ווי איך פארשטיי וועט איר זיך מסתמא וואונדערן ווי אזוי איך האב געקאנט באזוכן די שול פאר א יאר אדער א יאר און א האלב און זיין אין פערטן קלאס. איך וועל אייך זאגן ווי אזוי עס איז געווען. חבר ק. האט מיך איבערגעזעצט פון דעם צווייטן קלאס אין דעם פערטן קלאס.

II די תלמוד־תורה

אין צוויי יאָר אַרום האָב איך אָנגעפאַנגען גיין אין אַ תלמוד-תורה. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן פאַר מיר צו גיין לערנען אין דער העברייאישער שול. אין דער שול איז געווען איינגעפירט אַ סיסטעם וואָס הייסט „גולים". די גולים זענען ספּעציעלע טעסט פּאַפּירן וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אין די פאָרמען פון ביכער. איך האָב געגליכן צו אַרבעטן אויף די גולים.

מיין ערשטער לערער איז געווען מר פּ. ער איז אַ יונגער און אַ גוטער לערער, אָבער ער האָט אַן אויפגערעגנדן טעמפּעראַמענט. איך וויל אייך געבן אַ ביישפּיל פון זיין טעמפּעראַמענט. ווען ער פלעגט ווערן אין כעס, פלעגט ער אָדער קריצן מיט די ציינער אָדער צוברעכן אַ בלייפעדער אין צווייען. אין די מאָמענטן פלעגן מיר (די קינדער) האָבן הנאה, פון זיין כעס, שטילערהייט.

ווען מר פּ. האָט מיך אַריבערגעזעצט אין אַ העכערן קלאַס האָב איך געהאַט מר ס. און נאָך אים — מר נ. פאַר מיינע לערער. זיי זענען ניט געווען בעסערע לערער פון מר פּ.

אָבער דאָ, ווי אין דער אידישער שול, האָב איך פאַרלאָרן דעם אינטערעס אין דער תלמוד-תורה, און איך האָב אויפגעהערט גיין אין דער שול ווען איך בין געווען אין פערטן קלאַס.

אפשר האָט איר אויך באַמערקט אַז ביידע מאָל האָב איך אויפגעהערט באַזוכן די שול ווען איך בין געווען אין פערטן קלאַס.

III די שלום־עליכם שול

עטלעכע מאָנאַטן שפּעטער האָב איך אָנגעפאַנגען גיין אין דער שלום עליכם שול נומער צוויי, וועלכע איך באַזוך נאָך איצט.

חבר פּאָמעראַנץ איז דער דירעקטאָר פון די דריי שלום עליכם שולן וועלכע געפינען זיך אין טשיקאַגאָ. ער איז דער לערער פון שול 2. ער איז אַ קליינינקער און אַ פיינינקער און אויך אַ גוטער לערער. אָבער ער האָט זיינע שוואַכקייטן און איינע פון זיי איז, וואָס ער איז ניט אַזוי שטרענג ווי עס באַדאַרף צו זיין.

חבר מייזליש איז דער לערער פון די אַנדערע צוויי שולן. אַמאָל ווען חבר פּאָמעראַנץ קען ניט זיין אין שול האָבן מיר אונדזער לעקציע מיט חבר מייזלישן. ער איז זייער אַ גוטער לערער.

די קינדער וואָס זענען מיט מיר אין איין קלאַס זענען: חנה גערטלער, חנה קאַמסקי, באשע סלאַבאָדקין, דאָבע ישראל, זלמן אימיניטאָף, מאָטל ראָזנבלום, און נאָטע שעכטער. מיר זענען אַלע אין דעם פערטן קלאַס.

איך וויל אייך געבן עטלעכע פאַקטן אָדער כאַראַקטעריסטיקעס פון די קינ-דער. חנה גערטלער איז אַ קליינינקע און אַ פיינינקע. חנה קאַמסקי איז אַ רוסישע. זי איז דאָ אין לאַנד נאָר אַכט יאָר. באשע איז זייער אַ גוטע תלמידה. איך ווייס

זייער ווינציק וועגן דאָבען דערפאַר וואָס זי איז אַ נייע מיידל בא אונז אין קלאַס. די איינציקע זאַך וואָס איך קאָן אייך זאָגן וועגן איר איז אַז זי איז זייער אַ פיינע מיידל. און יעצט קומט נאַטע. אויב איר וואָלט געקאַנט נאַטען ער איז דער קאָ-מיקער פון קלאַס. ער קומט פון טשודנאָף, רוסלאַנד. ער איז דאָ אין לאַנד זעקס יאָר. נאַטע איז געווען אין רוסלאַנד אין די צייטן פון די פּאָגראָמען. זאַלמאַן איז דער „היי-סקולבוי״ פון אונדזער גרופּע. דאָס הייסט, אַז ער גייט אין אַן איינגלי-שער מיטל-שול. מאַטל איז חנה גערטלערים געשוועסטערקינד.

מיר לערענען פיר מאָל אַ וואָך. פרייטיג, קומט חבר עלנהאָרן, דער געזאַנג לערער, צו אונדז אין שול און מיר האָבן אַ געזאַנג לעקציע. פאַר אַ שעה אָדער אַ שעה און אַ האַלב. איך ליב צו זינגען.

„שעג״ איז דער נאָמען פון אונדזער (די קינדער פון די דריי שלום עליכם שולן, וועלכע זענען אין דעם פערטן קלאַס) קלוב. „שעג״ מיינט שלום עליכם גראַ-דואירער. יעדן צווייטן שבת קומען מיר זיך צוזאַמען. אַמאָל כדי זיך צו פאַרווייל‍ן גייען מיר צו אַ טעאַטער אָדער צו דער גאַרפילד פאַרק קאָנסאַרוואַטאָרי. מיר האָבן געזען די מואַווי „דיזראַעלי״ און אויך די בלומען אין דעם גאַרפילד פאַרק קאָנ-סאַרוויטאַרי. איינמאָל איז אַ מאַן פון דער אידישער אַגיקולטורעלער געזעלשאַפט געקומען צו אונדז און האָט אונדז געגעבן אַ לעקציע פון די אידישע פאַרמערס אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

נאָך די פאַרווייל‍ונגען גייען מיר צו אַ קינד'ס הויז און דאָרטן גיט מען אונדז גוטע זאַכן צו'ם עסן. מיר גייען אַלע מאָל צו אַן אַנדער קינד'ס הויז. נאָכן עסן האָבן מיר אַביסל „פאַן״ די אינגלעך קערן איבער וועלטן. חבר פּאָמעראַנץ פּרובירט זיי איינשטילן, אָבער עס גייט אים נישט. ווען זיי בארואיקן זיך, האָבן מיר אַ זיצונג פונ'ם שעג. מיר רעדן וועגן אונדזער גראַדואירונג און אַנדערע אינ-טערעסאַנטע פראַגעס. צו'ם ביישפּיל, קאָנצערטן, אַ מתנה פאַר די שולן און נאָך זאַכן.

חנה קאַמסקי איז אונדזער פּאָרזיצערן. מענדל איז דער וויצע-פּאָרזיצער. דאָבע ישראל איז די סעקרעטאַרן. נאַטע איז דער קאַסירער. באַשע סלאַבאַדקין, אסתר בראָמבערג, און איך האָבן געמאַכט פּלענער פאַר אַ קאָנצערט, וואָס מיר ווי ל ן האָבן זונטיג דעם 16-טן פעברואַר. מיר וועלן האָבן צען אָדער צוועלף נומערן אויפן פּראָגראַם. איך האָף אַז עס וועט זיין אַ סענסאַציע.

יעצט האָט איר אַ באַגריף ווי מיר לערנען און פאַרברענגען און אויך האָט איר אַ בליק איבער מיין אידישער בילדונג.

ק׳ האָפֿמאַן מיט אַ גרוס פֿון אײַנ׳
פֿון די האַלאַנדע צירל גאָרדין

צירל גאָרדין, 13 י. אַ.

אַ טייל פֿון מיין לעבן

זינט איך קאָן געדיינקן, איז מיין טאַטע געווען אַ שפּילער, ניט קיין פֿידל שפּילער אָדער אַ פּיאַנע שפּילער, נאָר אַ שוישפּילער. און פֿון קינדוויים אָן האָב איך זיך דערצויגן צו שפּילן אויף דער בינע. דער פֿאַרלאַנג איז פֿאַר מיר נאָך ניט דערפֿילט. איך פֿלעג גיין מיט די מאַמע צו אידישע שפּילן, מערסטנטייל צו די שפּילן פֿון דער אָרגאַניזאַציע — די דראַמאַטישע געזעלשאַפֿט — וואו מיין טאַטע באַלאַנגט. זייערע שפּילן זיינען מיר געפֿעלן געוואָרן און זיי זיינען צו מיר אַזוי ווי אַ פֿריינט געוואָרן. מיט דער צייט זיינען זיי באַ מיר ליבער און ליבער געוואָרן. איך האָב זיי אָנגעפֿאַנגען פֿאַרשטיין און געקאָנט זייער מיינונג פֿאַרטייטשן.

ווען איך בין געווען 3 יאָר אַלט איז צו מיר אָן איבעראַשונג געקומען. דער טאַטע איז אַהיים געקומען מיך אַרויפֿגעזעצט אויף דער שויס און האָט צו מיר געזאָגט, ווי אַזוי וואָלסטו געגליכן שפּילן מיט מיר אויף דער בינע? סע האָט באַ מיר געצאַפּלט דאָס האַרץ און איך האָב אַרויסגעשריען יאָ יאָ און ווען סיז באַ מיר געווען דער „ווען״ — די הויפּט זאַך. איך בין אַ בעלן געווען גלייך שפּילן.

די פּראָבעס זיינען אַ סאַך מאָל פֿאָרגעקומען אין אונדזער הויז און איך האָב זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן מיין צייט צו אַרויסרעדן מיינע פֿאַר ווערטער.

גליקלאַך בין איך געווען, ווען סאיז געקומען דער טאָג צו שפּילן. איך געדיינק נאָך, ווען סאיז מיר הינטער דער בינע פֿאַרלאָרן געגאַנגען אַ שיכל. איך האָב זיך באַלד געוואָלט צווויינען, אָבער דער טאַטע האָט מיר אָנגעזאָגט ניט צו מאַכן טומל. האָב איך געשוויגן. איידער איך בין אַרויף אויף דער בינע האָט מען געפֿונען דאָס שיכל.

די שפּיל האָט געהייסן „מיטן שטראָם״ פֿון שלום אַש. סע קומט פֿאָר אַ סצענע פֿון דער שפּיל ווען דער זיידע דאַרף קריעה רייסן, און אַז ער איז צוגעקומען מיט דאָס מעסערל צו דער מאַמע און מיר, בין איך געוואָרן אַ דערשראָקענע, פֿאַרפֿינצלט מיט די אייגעלאַך, פֿאַרביסן מיט די ליפּעלאַך, אָבער ניט אַרויסגעשריען קיין איין וואָרט, „מען טאָר ניט מאַכן קיין טומל״, האָט דער טאַטע מיר געזאָגט אַ פֿריער.

און איצטער אַז איך באַגעגן זיך מיט דער מיידל (מים סוועט) וואָס האָט געשפּילט פֿאַר מיין מאַמען, נעמט זי מיך אַרום און זאָגט. „איז דאָס די פּיצינקל מיידעלע וואָס האָט געשפּילט פֿאַר מיין קליין אינגעלע״?

אַז איך בין אַריינגעגאַנגען אין דער ענגלישער שול צו זעקס יאָר, האָט פֿאַר מיר געוואַרט אַ קאַלטער אויפֿנאַם. איך בין אַריינגעקומען אין אַ שטילן קלאַס.

די לערערן האָט צו מיר אָנגעוויזן מיט אַ פינגער „סיט דער" און אַז די מאַמע איז פון מיר אַוועק און איך בין אַליין געבליבן, איז מיר באַלד אומעטיק געוואָרן, אָבער סאיז ניט געווען אַזוי אין דער אידישער שול. איך בין אַריינגעגאַנגען אין דער אידישער שול איז צו מיר צוגעקומען דער לערער, און האָט צו מיר גערעדט מיט וואַרעמע רייד. איך האָב דערפילט אַז אָט אַ דאָ איז ניטאָ דער קאַלטער געפיל פון דער ענגלישער שול.

איינמאָל אין אַ שיינעם פאַרנאַכט איז געוואָרן אַ געפילדער. וואָס איז? איך האָב זיך באַדאַרפט אָנטאָן אין אַ נייער קליידל צו גיין זען דער „דעבים". איר קענט זיך פאַרשטיין וואָס פאַר אַ געפילדער סאיז געוואָרן. דער טאַטע האָט היינט באַדאַרפט שפּילן און איך וויל אים ניט פאַרשפּעטיקן. איך האָב אַפילו אָנגעטאָן די שיך קאַפּייער. מזל טובן מיר זיינען שוין דאָרט און עס עפנט זיך אויף דער פאָרהאַנג און סע גייט דער שפּיל, אַז דער טאַטע איז אַרויסגעקומען האָב איך זיך געפילט אַזוי ווי איך בין דער וואָס שפּילט.

צווישן די אַקטן פלעג איך זיך אַרומדרייען צווישן די מענטשן און הערן קריטיקן. און אַז איך האָב דערהערט אַז מען רעדט וועגן מיין טאַטן פלעג איך אָנשטריינגען די אויערלאַך און זיך גוט איינהערן און טאָמער פלעגט מען זאָגן עפּעס וואָס איך האָב ניט געגליכן פלעג איך זיך אַוועקגיין. נאָך אַלע שפּילן פלעגט דער טאַטע מיך פרעגן וואָס איך האָב געהערט, און עס איז ניט געווען קיין נייס אַז ער איז צו מיר דעמאָלט געקומען. די נייס וואָס איך פלעג אים דערציילן פלעגט אַ סאַך מאָל זיין זייער נייטיקע.

ווען איך בין אַלט געווען צען יאָר איז צו מיר געקומען אַ ניי געבאָרענע שוועסטער און איך האָב געוויינט. וועט איר פרעגן פאַרוואָס? איך האָב געוואָלט אַ קליין ברודערל. וואָס עפּעס צוויי שוועסטער? אָבער איצטער אויב איר וואָלט מיר געפרעגט וואָלט איך אייך געזאָגט אַז פאַר אַ מיליאָן ברידערלאַך, וואָלט איך מיין שוועסטערל ניט אַוועקגעגעבן. זי איז קלוגער פון אַלע קלוגע און שענער פון אַלע שיינע.

איר ווייסט שוין אַז עס ציט מיר צו שפּילן טעאַטער, שפּיל איך באַדיי אין אַ „ביסמאַנט", אַז איך האָב ניט קיין טעאַטער. איך מיט נאָך אַ מיידל האָבן געפלאַנעוועט צו האָבן אַ טעאַטער שפּיל. מיר האָבן געאַרבעט אויף דעם און אַוועק געגעבן צייט און אַז עס איז געקומען צו דער צו האָבן מיר דערזען אַז עס וועט זיין צו טונקל אין טעאַטער. גייען מיר זוכן אַ ליכט. אַ האַ, מיר האָבן שוין געפונען און אַז עס איז געקומען צום אָנפאַנג וויל די ליכטל זיך ניט אָנצינדן, האָט זיך נאָך אַמאָל אָנגעפאַנגען אַ זוכעניש מיטן ליכט. אַ טאָג פאַרן שפּילן האָב איך אַראַנזשירט מיטן טאַטן אַז ער זאָל אונדז גרימירן און ער האָט מיר צוגעזאָגט. איר ווייסט מיט וואָס מיר האָבן געמאַכט אונזערע פאָרהאַנגען? מיט די מאַמעס ליילעכער און זיי צוגעשפּיליעט צו אַ שטריק מיט זיכערע נאָדלען. אונזערע ביינקלאַך? מיר האָבן געקראָגן ביים פּרוכט קרעמער אַ פּאָר קעסטלאַך און אויף זיי געשטעלט ברעטער צו מאַכן ביינקלאַך. קאָנט איר שוין פאַרשטיין

אז אין מיטן שפּיל פאלט איין איינע פון די ברעטער, און די קינדער מיט זיי און עס איז געוואָרן א געפּילדער און געלעכטער. אין דעם דריטן אקט האט איינער פון די אקטיאָרן באדארפט ארויסגיין זינגען האט ער געקראָגן קאלטע פיס און ניט געוואָלט, ווייסט איר אז אונטערן בינע ווערט גלאך א טומל. האט מען באדארפט עמיצן אנדערש ארויסשטעלן וואס האט די ראָלע ניט געוואוסט און דער ערשטער אינגל האט ניט געוואָלט ארויסגיין; גייט, זאָגט אים עפּעס. און עס איז געוואָרן פריילאך. אלץ איז געגאנגען כסדר בלויז מיט איינציקע זאכן וואס עס איז פארלאָרן געוואָרן א קאָסטיום און געפונען, די פאָרהאנגן האבן זיך ניט געוואָלט רוקן. אזוי האָבן מיר פארבראכט אין בייסמענט טעאטער. דעם בייסמענט טעאטער וועל איך געדיינקען מיין גאנצן לעבן.

די לעצטע צוויי מאָל וואס עס איז מיר אויסגעקומען ארויפטרעטן אויף דער בינע איז אין אונזער פּסח שפּיל, און שא, זאָגט קיינעם ניט אויס, איך האָב אויך געשפּילט מיט די גוים אין דער ענגלישער סקול.

זונטיק דער צווייטער פעברואר אין 1930 האָב איך און די גאנצע שול פארבראכט א שיינעם פרימאָרגן מיט פּרץ הירשביין. און אז ער האָט אָנגעפאנגן מיט אונדז רעדן האָב איך איינגעקוקט אין זיינע אויגן און דערזען א סאך א סך זאכן. איך האָב דערזען א מענטש וואס טראכט א סאך, א מענטש וואס פארשטייט א סאך, לערנט זיך, א מענטש וואס האָט איבערגעלעבט א סאך אינטערעסאנטע איבערלעבונגען. זיין רעדע איז פאר מיר געווען אינטערעסאנט. עס ווייזט זיך מיר אויס אז פון זיין לעקציע האָב איך געלערנט א סאך מער אין איין טאָג ווי אין א גאנצן יאָר. עס טוט מיר זייער הנאה וואס איך האָב די לעקציע ניט פארפעלט.

אונזער שעג איז ניט נאָר א קלוב וואו מען נעמט אויף אלגעמיינע פראצעס, נאָר אויך צו פארברענגען זיך און צו שאפן א פריינטלאכע באציאונג.

פון יאַנואַרי ווען ניראַט שייך נאָך נישט פֿאַרגעסן,
בייקע ניימאַן

בייקע ניימאַן, 13 י. אַ.

די צוועלבע יאָר זינט איך גיי אין שול

א.

די ערשטע מאָנאַטן אין שול

ווען איך בין אהיים געקומען די ערשטע פּאָר נעכט פון שולע מיט דעם ביכל און די עטלאַכע אותיות וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט צו שרייבן, האָט זיך קיינער נישט געקענט גלייכן צו מיר. איך בין געווען אַזוי באַגייסטערט. נאָר דאָך האָב איך נישט פאַרשטאַנען אַז די שולע וועט האָבן אַזאַ ווירקונג אויף מיר אין דער צוקונפט. דאָס איבעריקע וועל איך אייך איבערגעבן אין מיין ווייטערדיקן שרייבן.

צום אָנפאַנג איז די גאַנצע זאַך געווען פרעמד צו מיר. נאָר ביסלאַכווייס האָב איך זיך צוגעוואוינט. איך בין געווען צוגעוואוינט צו דער אַלגעמיינער סקול און איך האָב זיך געפילט אַזוי גוט ווען איך האָב געזען אַז דער לערער פילט זיך ווי אַ חבר צו די קינדער און אויך די גאַנצע אַטמאָספערע איז געווען זייער איינגענומען ווייל דאַן בין איך געווען צוגעוואוינט צו אַ שטרייענגער לערער און שטרייענגע דיסציפּלין. דאָ האָט עס צו מיר אַ סאַך בעסער אַפּעלירט. עפּעס מאָדנע; מען דאַרף נישט זיצן מיט די הענט פאַרלייגט און גלייך, אַזוי ווי סטאַטועס.

די לימודים וואָס זיינען ערשט געווען אַזוי פרעמד צו מיר האָב איך שוין אָנגעפאַנגען צו לערנען. דאָס איז דאַן געווען זייער אינטערעסאַנט. די אידישע געשיכטע האָב איך געגליכן בעסער פון אַלעסדינג. שפּעטער האָב איך זיך באַקענט מיט דעם אַרבעטער לעבן וועגן וואָס איך האָב טאַקע גאַרנישט געוואוסט ווייל די איינגלישע סקול באַקענט דאָס אונדז ניט דערמיט. די גאַנצע שול אַטמאָספערע איז געווען אַזוי ווי אַ נייע וועלט צו מיר.

ב.

די שפּעטערע צייט

אַלע צייטן זיינען נישט אוועק מיט איין מאָל. לערערס האָבן זיך געביטן. נייע קינדער זיינען צוגעקומען אַנדערע זיינען אַפּגעפאַלן. נאָר צו מיר האָט דאָס נישט געמאַכט קיין אונטערשיד. איך בין אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט. איצט טאַקע איבערגייענדיק צו דער אַרבעט. איך האָב זיך באַקענט מיט אַ סאַך אידישע שרייבער און אויך דיכטער. צום ביישפּיל

שלום עליכם, י. ל. פרץ, מענדעלע, רייזען, לייוויק

און נאָך אַזעלכע. ווען עס זיינען דאָ געווען אין שיקאַגע אייניקע פון די שרייבער האָבן אַ סך פון די קינדער געהאַט די זכיה זיי צום הערן. פּרץ הירשביין איז דאָ ערשט געווען. ער האָט די קינדער דערציילט וועגן קינדער אין די שולן אין אַנ־דערע לענדער וואו ער איז געווען. עס האָט נישט געקענט זיין מער אינטערעסאַנט. דאָס האָבן מיר צו דאַנקען די לערער ווייל זיי האָבן געטאָן וואָס עס איז נאָר געווען מעגלאַך אונז צו באַקענען מיט זיי. מיר האָבן שוין אויך געהאַט אַ טייל פון דער ליטעראַטור. מיר האָבן אויך דורך געמאַכט שוועריקייטן נאָר איך האָף נאָך צו פאַרבלייבן אַ ווייטערדיקער פּיאָנער.

ג.

דער „שעג"

איך וויל אייך אויך באַקענען מיט אונדזער ווייטערדיקן פּראָגרעס. ביסלאַכ־ווייס איז די צייט אַוועקגעגאַנגען און עס האָט אונדז אַלעמאָל געבראַכט נעענטער און נעענטער צום גראַדואירן. די קינדער פון די עלצטע קלאַסן פון אונזערע דריי שולן האָבן באַשטימט צו גרינדן אַ קלוב. דאָס איז געווען אין מיין מיינונג זייער אַ גוטער פּלאַן ווייל דאָס האָט געהאָלפן די קינדער זיך באַקענען איינס מיט דאָס אַנדערע און אויך דורכצופירן פּלענער וואָס מיר וואָלטן זיך אַליין נישט אונטער־נעמען צו טון. צום אָנפאַנג זיינען מיר צוגעגאַנגען צו דער אַרבעט מיט מוט נאָר אין די שפּעטערע צייט האָבן מיר זיך צוביסלאַך אָפּגעקילט. פּונקט אַזוי ווי אַ קעסל ווען עס הייבט און צו זידן און שפּעטער ווען מען דרייט אויס דעם פייער קילט עס זאַך אָפּ. נאָר דערווייל האָבן מיר געטאָן אַרבעט. איך בין זיכער אַז עס טוט קיינעם נישט באַנג.

ד.

קען זיך נישט חברן מיט אַלע קינדער

איך אַליין טראַכט און ווייס נישט פאַרוואָס איך קען זיך נישט חברן מיט אַלע קינדער, פּונקט דאָס זעלבע ווי אַנדערע טוען דאָס. קלער איך אפשר האָב איך זיך געביטן זינט איך גיי אין שול און אפשר איז דאָס טאַקע מיין נאַטור אַזאַ. און אפשר טאַקע דערפאַר וואָס זיי האָבן געהאַט אַנאַנדער דערציאונג. מיינסטע זיינען נישט געגאַנגען אין דער אידישער שול. איך בין זייער צופרידן וואָס איך בין געגאַנגען. דערפאַר קום איך טאַקע צו די פּלעצער ווי איך גיי און הער די זאַכן וואָס איך הער, איך האָף אַז איך וועל אָנגיין מיט אידיש ווי ווייט עס וועט נאָר זיין מעגלאַך.

צו מיין [illegible]
פון א געוועזענע תלמידה -
שׂרה וועקסלער -

שׂרה וועקסלער, 13 י. אַ.

מיין חלום

ס'איז געווען אַ שיינער זומער פאַרנאַכט. אין מערב זייט האָט די זון גע-געבן אירע לעצטע שטראַלן, און האָט אויסגעקוקט ווי אַ ברענענדיקער פייער. דאָס וואַסער איז געווען רוהיק און שטיל. באַ דעם ברעג האָט זי אויסגעזען אַ ליכטיגער גרין. אַלץ ווייטער איז זי געוואָרן בלויער און באַ דעם האָריזאָנט איז זי געווען אַ טונקל בלוי. פון ווייטן האָט מען געקענט זען אַ שיפעלע וואָס איז געגאַנגען מיטן ווינט. איך בין געלעגן אונטער אַ גרויסער עפּל בוים און האָב גע-טראַכט פון אַלע זאַכן וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט מיר דעם גאַנצן זומער.

איך האָב נאָכאַמאָל געזען אַ שטילער זומער אָבענט, אַ לאַנקע אויף וועל-כע עס איז געזעסן לאַכענדיקע פריילאַכע קינדערלאַך, און אַ שיינע גרויסע לבנה וואָס האָט געגעבן די גאַנצע ליכט פאַר דער שמחה...

באַלד איז אַרויס פון אונטער דער פאָרהאַנג אַ כלה אָנגעטאָן מיט אַ גרויסן האַנטאַך און אונטער איר אַ חתן מיט אַ בלעכערנעם פענדל אויפן קאָפּ. און אַ קאַץ וואָס איז מיאוקענדיג נאָכגעגאַנגען פון הינטן איז געווען דער רב. חתן, כלה זענען געגאַנגען אונטער אַ חופה געמאַכט פון אַ קליינעם ליילאַך אויף פיר בע-זעמער.

טראַכטענדיק פון די פריילאַכע זאַכן בין איך איינגעשלאָפן. און אין מיין חלום בין איך אוועק פון דער שטילער „קאַנטרי" צו דער רוישנדיקער שטאָדט פון טאָקיאָ יאַפּאַן.

אין מיין חלום בין איך ערשטנס געגאַנגען צו אַ יאַפּאַנעזישן טעמפל וואו בודאַ האָט געהערשט, און וואו טויזנטער יאַפּענעזער בוקן זיך צו אים יעדן טאָג. די דעקאָראַציע אין דעם טעמפל זענען נאָר פון אויסגעקריצטע סימבאָלן. איך האָב דעם פּלאַץ פיל באַוואונדערט, אָבער ווי אין אַ חלום בין איך זייער לאַנג דאָרט ניט געווען.

איך בין אַרויס אויף דער גאַס, דאָרטן האָב איך געזען שיין פאַרפּוצטע יאַ-פּענעזישע מיידלאַך פאַרנדיק אין „דזשינריקאַשוס" איך האָב זיך אויך אַריינגע-זעצט אין איינע פון די קליינע וועגענער, און האָב געהייסן מען זאָל מיר פירן צו אַ בלומען-גאָרטן.

אין דעם גאָרטן האָב געזען אַלערליי סאָרטן בלומען. אין איין זייט האָט געוואַקסן די שיינע יאַפּענעזישע ליליע, און פון דער אַנדערער זייער שיינע ביימער.

די פרוי אין וועמענס גאָרטן איך בין געווען האָט מיר געבעטן אַריינצוקומען אין איר הויז, מיר האָט מען לאַנג ניט באַדאַרפט בעטן, און איך בין אַריין. אין

הויז האָט מען מיר אַוועקגעזעצט אויף אַ קליין קישעלע און לעבן מיר האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ קליין טישעלע. אַ דינסט מיידל האָט געבראַכט טיי, דאָס טיי איז געווען אין אַ קליין טשייניקל (יעדערער האָט געהאַט אַ טשייניקל פאַר זיך) און אויך קליינינקע גלעזעלאַך האָט מען אונדז געגעבן.

אַז איך האָב אָפּגעטרונקען דאָס טיי, האָב איך באַדאַנקט די באַלעבאָסטע און בין ווידער אַרויס אויף דער גאַס.

גייענדיק אַזוי האָב איך באַגעגנט אַ פריינט פון אַמעריקע, און צוזאַמען זענען מיר געגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו זי האָט געוואוינט. די באַלעבאָסטע פון הויז און איר טאָכטער זענען געזעסן. זיי האָבן געשפּילט אויף אינסטרומענטן ווי אונדזערע „בענדזשאָס״. דאָרט האָב איך איבערגענעכטיקט די נאַכט. איך בין געשלאָפן אויף אַ קישן געמאַכט פון אַ קליין שטיקעלע האָלץ.

אינדערפרי האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין פריינט און האָב זיך אַוועקגעאיילט צו דער באַן סטאַנציע.

איך האָב גענומען אַ באַן וואָס איז געגאַנגען צו דער צווייטער גרויסער שטאָדט שענגהיי. פאָרענדיק האָב איך געזען רייז פעלדער, און יאַפּענעזעשע פאַרמער וואָס האָבן זיך אָפּגערוט נאָך טאָגס שווערער אַרבעט. איך בין דורכגעפאָרן קליינע שטעטעלאַך און האָב געזען די רייכע פרויען אַרומשפּאַצירנדיג מיט שיינע פאַרעסאָלן.

נאַכער בין איך אַריינגעפאָרן אין אַ סאָד פון ווײנשל, און דאָרטן האָב איך געהערט די אומבאַקענטע געשרייען פון רויבער וואָס האָבן באַפאַלן די באַן. איך האָב אָנגעהויבן צו שרייען און די מאַמע וואָס איז געגאַנגען ניט ווייט פון וואו איך האָב געלעגן. זי האָט געדיינקט אַז אימיצער טשעפּעט מיר, איז זי אַ דערשראָקענע צוגעלאָפן צו מיר, און זעענדיג אַז ס׳איז נאָר אַ חלום האָט זי מיר אויפגעוועקט.

פאַר אַ מינוט האָב איך געדענקט איך בין נאָך אַלץ אין יאַפּאַן, אָבער אַז איך האָב פאַרשטאַנען אַז ס׳איז בלויז געווען אַ חלום, האָב איך זיך צולאַכט פון מיינע געשרייען וואָס האָבן אַזוי דערשראָקן די מאַמע. און איך בין אַוועקגעלאָפן צו דערציילן מיין חברטע וועגן מיין וואונדערבאַרן חלום.

א גרוס צו מײַן פֿרײַנט ...
לאזער ק. האָפֿמאַן
פֿון
זלמן אימיאַניטאָוו

זלמן אימיאַניטאָף, 12 ½ י. אַ.

א י ך

איך, זלמן אימיאַניטאָף, בין געבאָרן געוואָרן אוגוסט דעם 27-טן, 1917. דער שעה פֿון מיין געבורט איז געווען 12:15 בּאַנאַכט.

ווען איך בין געווען אַ מאָנאַט אַלט בין איך געפֿאָרן, פֿון מיין געבורט שטאָט, סען ענטאָניאָ, טעקסעס צו אַ קליין קויל גראַבּנדיק שטאָט מיטן נאָמען באַקנער אילינוי. איך האָב געוואוינט אין באַקנער פֿאַר זעקס מאָנאַטן און די איינציקע זאַכן וואָס איך האָב געטאָן איז געווען שרייען, שלאָפֿן, עסן, און וויינען. ווען איך בין דאָרט געווען איז מיין גרויסע שוועסטער מרים באַגראָבן געוואָרן פֿון שנײ און מען האָט געדאַרפֿט אַרויסרופֿן די היגע פֿייערלייט איר אַרויסצוגראָבן פֿון דעם שנײ. אין מערץ בין איך צוריקגעקומען צו מיין געבורט שטאָט סען ענטאָניאָ טעקסעס.

ווען איך בין אַלט געווען אַנדערהאַלבּן יאָר אַלט פֿלעגט מיך מיין מאַמע אָנטאָן אין ווייסן און זאָגן, „זלמן שפּיל זיך ניט אין בּלאָטע". איין מאָל נאָך אַ גרויסן רעגן האָט מיך מיין מאַמע אָנגעטאָן אַזוי ווי אַלעמאָל אין ווייסן און מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל ניט שפּילן אין בּלאָטע. אין צען מינוט אַרום בין איך אַריינגעלאָפֿן אין הויז מיט אַ צען, צוועלף הינדעלאַך אונטער מיינע אָרעמס און געשריען „מאַמע ספּענק דעם זיי שפּילן אין בּלאָטע" ביז מיין מוטער איז צוגעקומען זיינען די הינדעלאַך געווען טויט, פֿאַרשטיקט געוואָרן פֿון מיינע גרויסע לאַפּעס.

ווען איך בין געווען צוויי יאָר אַלט פֿלעגט זיין אַ „פֿייער סטיישאָן" אַפֿן אַנדער זייט גאַס. פֿלעג איך דאָרט גיין יעדן טאָג. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פֿייערמאַן וועמען מען האָט גערופֿן „טאַבּי". מען האָט מיך אויך גערופֿן „טאַבּי" ווייל מיר זיינען ביידע געווען פֿעטע. טאַבּי פֿלעגט זיך, אַלעמאָל שפּילן מיט די קינדער, ער פֿלעגט אונדז העלפֿן מאַכן קייטס און ער האָט אונדז געהאָלפֿן פֿליען די קייטס.

ביי אונדז אין שטעטל האָט יעדער מענטש געהאַט הינער און יעדער מאָל פֿלעג איך גיין אין שטאָל זוכנדיק אייער. איין טאָג בין איך אַריין אין שטאָל און צווישן דעם היי האָב איך געפֿונען אַ שוועבּעלע. איך האָב עס אָנגעצונדן און געוואָרפֿן אין דעם היי און אַרויס אויפֿן גאַניק און זיך אָוועקגעזעצט אויפֿן הענג-וויג. די פֿייער-לייט האָבן אויסגעלאָשן דאָס פֿייער און פֿאַר אַ שטראָף האָט מען מיר ניט אַריינגעלאָזט אין פֿייער הויז פֿאַר אַ גאַנצן מאָנאַט.

נאָך אַן אינצידענט איז געווען ווען איך בין געפֿאָרן רייטנדיק אויף אַ קאַלב און די קאַלב האָט מיך געוואָרפֿן אויפֿן קאָפּ.

אַף מיין פערטן געבורטסטאָג האָט מיין מוטער געמאַכט אַ פּאַרטי אין דער גרעסטער פּאַרק אין סען ענטאָניאָ, ברעקענרידזש פּאַרק, דאָרט האָבן מיר זיך גוט פאַרבראַכט. צום ערשטן זיינען מיר געגאַנגען צום יאַפּאַנישן גאָרטן אַ וואונדערבאַר שיין פּלאַץ. דאָרט איז דאָ אַ גרוב פון וועלכן מען האָט אַרויסגענומען שטיינער פון וועלכן מען מאַכט אַספאַלט. דאָרט וואַקסן פאַרשידענע סאָרטן בלומען און פלאַנצן. נאָך דעם זיינען מיר געפאָרן אויף קליין וויקסיקע פערדעלאַך, נאָך דעם זיינען מיר אַרום געגאַנגען אין דעם זואָלאָגישן גאָרטן און באַקוקט אַלע חיות. די חיות וועלכע האָבן מיר אינטערעסירט מערעטנס זיינען געווען די טיגערס, לייבן און העלפאַנטן. די טיגערס און לייבן האָב איך געגלאַכט ווייל זי זיינען געווען שטאַרק ווי דער רוח. די העלפאַנטן האָב איך געגליכן ווייל זיינען געווען גרויס, גרויסע ריזן. איך האָב אויך געגליכן מאַלפּעס פאַר זייער פלינקייט אין קלעטערן אויף ביימער. נאָך דעם זואָלאָגישן גאָרטן האָבן מיר צושפּאַצירט צו די „פּיקניק-גראַונדס" זיך אַוועקגעזעצט בא אַ גרויסן טיש און געגעסן די גוטע פיינע מאַכאָלים, וואָס מען האָט צוגעגרייט.

ווען איך בין געווען פיר און אַ האַלב יאָר אַלט זיינען מיר געפאָרן קיין סט. לואיס מיזורי און קיין שיקאַגאָ אילינאָי. אַפן וועג צו סט. לואיס אויפן ברעג פונם ברייטן טייך מיסיסיפּי איז אַ באַן אַראָפּ פון די רעלסן און מען האָט געקענט זען אַ קאָפּ דאָ אַ האַנט דאָ. אָך ווי שרעקלאָך עס האָט מיר געמאַכט וויינען. גרויסע ביטערע טרערן. איך בין געווען דער ערשטער דאָס צו זען האָב איך געשריען אין האַלב איינגליש האַלב אידיש, „מאַמע קוק אָן די קעפּ לייאינג דאָרט".

אָנגעקומען, זיינען מיר שוין אין סט. לואיס. דאָרט האָבן מיר אויסגעפונען אַז מיין ברודערל האָט אָן „עבסעס" אַפן אויער און ער וועט דאַרפן האָבן אַן אָפּעראַציע. דאָס האָט אונדז אָפּגעהאַלטן צוויי גאַנצע מאָנאַטן.

מיר זיינען שוין אין שיקאַגאָ. „אַ וואָס פאַראַ גרויסע הייזער מען האָט אין שיקאַגאָ." דאָס האָב איך באַמערקט צו מיין גרויסער שוועסטער מרים, זי האָט געזאָגט אַז מען רופט זיי „סקייסקרייפּערס" אין ענגליש ווייל זיי זיינען באַלד הויך גענוג צו אָנרירן דעם הימל. אָבער איך וואוין נים אין אַ סקיי סקרייפּער איך וואוין אין אַן אַפּאַרטמענט הויז דאָס הייסט אַ הויז וואָס האָט אסך הייזער אין איין הויז.

ווען איך בין געווען פינף מיט אַ האַלב יאָר אַלט האָב איך זיך פאַרשריבן אין דער אַרבעטער רינג קינדער, קולטור שול נומער צוויי. מיין ערשטער לערערין איז געווען חברטע ק. איך האָב איר געגליכן אָבער מען האָט איר אַנטזאָגט. מיין צווייטער לערער איז געווען חבר ט. וועלכן מען האָט גערופן „קינג טאָם" פון אים געדיינק איך גאָרניט. נאָך דעם האָבן איך געהאַט חבר ק. איך האָב אים געהאַסט אַזוי ווי סם. נאָך אים האָבן מיר געהאַט חבר ב. אַ פּאָעט. ער האָט מיר אויסגעלערנט שרייבן פּאָעמען. אין אַ יאָר און אַ האַלב ווען איך בין געווען אין עלטסטן קלאַס האָב איך אויפגעהערט גיין אין שולע.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן גיין אין די שלום עליכם פאָלק שולן און איצט אין 1930 גראַדויאיר איך.

בלומע מילער, 11½ י. א.

מיינע שול-יאָרן

I.

אַזוי ווי איך, בלומע מילער, בין אין דעם גראַדואירענדיקן קלאַס פון דער שלום-עליכם פאָלק שול 3, איז אַלע גראַדואירענדע קינדער. אויסגעפאַלן צו שרייבן אַטאָביאָגראַפיעס. עס איז מיר איינגעפאַלן צו שרייבן וועגן מיין לעבן אין שול ביז איצט.

אַזוי ווי מיין טאַטע איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די אידישע שולן ספּעציעל אין די שלום עליכם פאָלק שולן, איז ווען איך בין געווען קאָם זיבן יאָר אַלט האָט מיין פאָטער געזאָגט אַז איך בין אַלט גענוג צו לערנען אידיש איך האָב דאַן אָנגעפאַנגען גייען אין שול און לערנען אידיש.

אַז איך האָב אָנגעפאַנגען לערנען, האָט עס אויף מיר געמאַכט זייער גוטע איינדרוקן. די גוטע איינדרוקן האָבן געמאַכט דאָס לערנען. אינטערעסאַנט פאַר מיר און איך האָב גענומען זייער אַסך אינטערעס אין דעם לערנען. נעמענדיק אינטערעס אין דעם לערנען, האָב איך זייער שנעל געקאָנט די אַרבייט פון דעם ערשטן קלאַס און אין עטלעכע חדשים שפּעטער, בין איך אַריבער אין צווייטן קלאַס. עס האָט מיר גענומען כמעט אַ יאָר צו קענען גוט די אַרבעט פון צווייטן קלאַס. נאָכן יאָר בין איך געפאָרן אין די היים-שול וועלכע געפינט זיך לעבן פליינפילד, ניו-דזשוירזי. אין דעם נעכסטן קאַפּיטל וועל איך אייך דערציילן ווי איך בין דאָרט געקומען.

II.

איין שיינעם פרימאָרגן, שוין שפּעט אין האַרבסט, האָט מיין פאָטער געזאָגט אַז מיר וועלן פאָרן קיין פליינפילד, ניו-דזשוירזי.

פאָרנדיק אויפן באַן, זיינען מיר, מיין פאָטער, מיין ברודער, און איך, פאַרביי געגאַנגען זייער שיינע לאַנדשאַפטן. מיר זיינען אָבער געפאָרן צו שנעל צו זען דאָס ווי מיר האָבן עס געוואָלט זען. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין ניו-יאָרק און גענומען נאָך אַ באַן צום „פערי". מיין ברודער און איך זיינען גלייך געגאַנגען צום פאָרנט פון שיף צו זען די שיינע וואַסער. אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען צו דזשוירזי סיטי. מיר האָבן גערופן מיין טאַטן. מיר זיינען אַרויף אויף אַ באַן און געפאָרן צו פליינפילד. אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט נאָך אַרום זעקס מייל צו פאָרן, האָבן מיר געדונגען אַ מאַשין. אויפן וועג, האָט דער מאַן דערציילט

ווען אַ באַרג וואָס איז שוין אַפּגעהאַקט. ער האָט דערציילט ווען נאָך אַסך זאַכן. מיר זיינען אַנגעקומען אין קעמפּ היים-שול ווען אַלע קינדער האָבן שוין געלערנט.

אין היים-שול לערנען די קינדער אידיש און ענגליש אין דעם זעלבן שולהויז.

די היים-שול איז אויף אַ באַרג און הינטערן קעמפּ איז אַ גרויסער וואַלד.

ווען די קינדער זיינען אַרוים פון שול האָבן זיי געהאַט איבערבייסן (מילך מיט קיכלאַך). נאָכדעם זיינען זיי פריי צו טאָן וואָס זיי ווילן. איך האָב געמאַכט פריינד מיט אַלע קינדער און מיר האָבן זיך געשפּילט ביז זעקס אַזייגער. דאַן זיינען מיר געגאַנגען עסן וועטשערע. נאָכן עסן האָבן מיר געשפּילט זיך אין „געפּין" א. א. וו.

באַנאַכט, ווען מיר האָבן געדאַרפט גייען שלאָפן, האָבן מיר גערעדט און געשפּילט ביז עלף אַזייגער. אינדערפרי האָבן מיר געדאַרפט אויפשטיין זיבן אַזייגער, זיינען די מיידלאַך אויפגעשטאַנען פריער און מיר זיינען אַרוים פאַר אַ שפּאַציר. איידער מיר זיינען אַבער אוועק, האָבן מיר געמאַכט אונדזערע בעטן, אויסגעקערט די צימערן. מיר זיינען צוריקגעקומען אין צייט פאַר אָנבייסן. אַזוי האָבן מיר געטאָן אַ גאַנצן ווינטער.

זומער זיינען אַלע קינדער געגאַנגען אויף לאַנגע הייקס. דער ערשטער הייק איז געווען צו „וואַשינגטאָן ראָק". אין מיטן זומער האָט דער דירעקטאָר פאַרקויפט סאָלדאַטישע וואַסער-טרעגערס און אַ ראַניץ. איך האָב זיי געקויפט.

מיר האָבן זיך צעטיילט אין גרופּעס ווייל ס'איז געווען 130 קינדער.

איין גרופּע איז איינמאָל געגאַנגען צען מייל קיין מאַרטענזוויל.

מיר האָבן געהאַט אַ קינדער-טאָג. דאָס מיינט אַז מיר האָבן אויסגעקליבן אַ קינד פאַר אַ דירעקטאָר און אַ קינד פאַר אַן אויפפּאַסער פון יעדער גרופּע. ס'איז נאָר געווען פאַר איין טאָג.

צום סוף זומער האָבן מיר געהאַט אַ פעלקער יום-טוב. יעדער גרופּע האָט רעפּרעזענטירט אַ פאָלק. מיין גרופּע האָט רעפּרעזענטירט דאָס יאַפּאַנעזישע פאָלק. אין מיטן יום-טוב איז דער דיל איינגעפאַלן. דעם זעלביקן אָוונט זיינען אַסך קינדער אַהיימגעפאָרן.

אין סעפּטעמבער בין איך אַהיימגעפאָרן. אויפן וועג אַהיים האָבן מיר געזען וואו די סאָלדאַטן האָבן זיך געשלאָגן. ס'האָט גענומען 3 טעג אַהיים צו קומען.

אינדערהיים האָב איך אָנגעפאַנגען לערנען אין שול 3.

אין זומער פון 1929 בין איך געפאָרן צום אַרבעטער רינג קעמפּ קינדער-לאַנד. דאָרט האָבן מיר געהאַט איבונגען אינדערפרי, מיר זיינען געגאַנגען באָדן, מיר האָבן געלערנט און זיך געשפּילט.

ווען איך בין צוריקגעקומען האָב איך ווידער אָנגעפאַנגען לערנען אין ש. ע. שול 3.

איצט, אויב איך וועל ניט דורכפאַלן, וועל איך גראַדואירן פעברואַר דעם 13, 1930.

חיים מילער, 13 י. א.

היים-שול און קעמפ קינדערלאנד

די קאמפאזיציע וועט זיין וועגן דער היים שול, וואס איז לעבן פליינפילד, נידזש. און קעמפ קינדערלאנד לעבן סאוט הייווען, מישינען, איך בין געווען אין דער היים שול עלף מאנאטן, פון אקטאבער 1926 ביז סעפטעמבער, 1928. איך בין געווען אין קעמפ קינדערלאנד 8 וואכן פון זומער, 1929. אין דיביידע קעמפס האב איך געהאט א סך פאסירונגען און איך וועל אפאר דערציילן.

מיין פאטער, וועלכער איז שטארק פאראינטערעסירט אין מיין אידישע דערציאונג, האט מיר געשיקט אין דער היים שול וואו מע לערנט ענגליש און אידיש.

דארטן, ווען דער גלאק האט אין דער פרי געקלונגען, האבן מיר זיך אויפגעוועקט, אנגעטאן, געוואשן און געמאכט אונזערע בעטן. דער 2טער גלאק האט אונז גערופן פאר פיזישע איבונגען וועלכע האבן געדויערט 10 מינוטן. דעמאלסט האט דער גלאק צום דריטן מאל געקלונגען צו רופן אונז עסן, נאכן עסן זענען מיר אוועק אין שולהויז לערנען ביז 12 אזייגער. 1 אזייגער האט מען ווידער געלערנט ביז 3.15 אזייגער. פיר אזייגער האבן מיר געהאט א קליינעם איבערבייסן. נאך איבערבייסן האבן מיר געשפילט וואס מיר האבן געוואלט ביז וועטשערע. נאך וועטשערע זענען מיר געבליבן פריי. אין מיין פרייע צייט האב איך אמאל געשריבן צו מיין טאטע און מאמע וועגן אונזערע טעטיקייטן. מיר האבן געשפילט בייסבאל מערסטנס. מיר האבן געקליבן טימס און געשפילט. מיר האבן אויך געשפילט „לויף, שעפסעלאך, לויף” און א סך אנדערע שפילן. איך האב געהאט 2 געשלעגן אבער ביידע געוואונען, האלב נאך אכט האבן מיר געדארפט גיין שלאפן אבער מיר אינגלאך פלעגן גיין שלאפן ארום עלף אזייגער. דורך דער צייט האבן מיר גערעדט און געהאט א פאר געשלעגן מיט קישנס. מיר האבן געגעבן צונעמעניש. איך בין געווען „קעלי”. אנאנדער אינגל, באם נאמען סידני טאמעסשאער, האט מען געגעבן א נאמען „ווינדבעגס” אדער ווי עמיצער האט אים גערופן „וואטערשאער”. יעדער שבת באנאכט האבן מיר געהאט „מואוויס”.

במעט איין מאל א מאנאט זענען אפאר אינגלאך מיט א לערער אויפגעשטאנען פריער און אוועק געגאנגען פאר א הייק, ווען מיר צוריקגעקומען האבן מיר געהאט א גוטן אפעטיט. דורכן זומער האבן מיר געהאט 2 זייער לאנגע הייקס. ווען דער ערשטער איז געקומען האט מען פארקויפט ראנעצן און סאלדאטן-פלעשלאך. איך האב דאס געקויפט. אף דעם טאג איז מיין פנים גע-

שוואַלן געוואָרן און איך האָב ניט געקענט גיין מיט מיין גרופּע און געדאַרפט גיין מיט די קליינע קינדער צו וואַשינגטאָן ראָק וואָס איז 3 מייל אַוועק. מיר האָבן מיטגענומען עפּעס צו עסן און געהאַט אַ פּיקניק דאָרטן. אָבער אַף דעם צווייטן לענגערן הייק בין איך געגאַנגען מיט מיין אייגענע גרופּע צו אַ זייער גרויסע שטאָט וואָס מע רופט מאַרטינזוויל. עס באַשטייט פון אַ פעני גאַז סטאַנציע און אַ טייהויז. אין דעם טייהויז האָבן מיר געגעסן „אייזקרים סאָדאַס".

אין ווינטער האָבן מיר געגליטשט מיט אונזערע שליטנס. עס איז דאָרטן דאָ אַ באַרג וואו מע האָט זיך געגליטשט ביז מיר האָבן געקומען צו אַוועג. דאַנען האָבן מיר געגליטשט מיט אַזויפיל אימפּעט אַז ווען מיר האָבן זיך געדרייט מיט דעם וועג האָט מען געקומען צו אַ באַרג, אַ גאַס אַוועק און זיך אַרונטערגע-גליטשט.

אין זומער האָט מען געהאַט אָנשטאָט 25 קינדער 125 קינדער. מע האָט זיי פאַנאַנדער געטיילט אין 7 גרופּעס. יעדער גרופּע האָט געהאַט אַן אופּפּאַסער.

עס האָט גענומען דריי וואָכן צו בויען אַ שווימין-פּול. איך בין געווען איינע פון די בעסטע שווימער אין מיין גרופּע. מע האָט אויך געהאַט אַ באַס-קעטבאַל פעלד און אַ טענים פעלד. דאָרטן האָב איך געלערנט ווי צו שפּילן באַסקעטבאַל. מיר האָבן געהאַט קעמפּפייערס באַנאַכט. ווען מיר האָבן געדאַרפט שלאָפן, אונזער אופּפּאַסער האָט געקראָגן קאַרטאָפלען און מיר מאַרשמעלאָס. מיר האָבן זיי אָפּגעבראָטן און געגעסן, און דערווייל האָט דער אופּפּאַסער דער-ציילט אונז מעשהס. איינמאָל האָט מיין פאָטער אונז דערציילט אַ מעשה וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע.

מע האָט אויך געהאַט אַ קינדערטאָג. אַף דעם טאָג האָט מען ערווילט אַ קינד פאַר דירעקטאָר פון קעמפּ און יעדער גרופּע האָט ערווילט אַן אויפּפּאַסער. אונזער גרופּע, די קונדסים, האָט ערווילט דעם קלענסטן אינגל, פּופּטשיק, פאַר אונזער אופּפּאַסער.

צום ענדע פון סעזאָן האָט מען געהאַט אַ פעלקער יום-טוב. יעדער גרופּע האָט פאַרגעשטעלט אַ פאָלק, זיך אָנגעטאָן זיך אין זייער נאַטציאָנאַלישע קליי-דער און געבויט אַזאַ הויז. מיר זיינען געווען די רוסישע, מיין שוועסטערס גרופּע, די שטיפערקעס, זיינען געווען די יאַפּאַנעזער. אַנאַנדער גרופּע זיינען געווען די אַראַבער. מיר אינגלאַך האָבן געבויט די הייזער פאַר די מיידלאַך.

מיר האָבן געהאַט אַ קאָנצערט אויך. אין מיטן קאָנצערט האָט עמיצער אויסגעשריגן, „געוואַלדן ראַטעוועטן דער דיל זינקט"ן און עס איז געווען אמת. יעדער איינער האָט געלאָפן פאַר אַ טיר אָדער אַ פענסטער. אַז איך בין געווען לעבן דער וואַנט האָב איך אַף דעם אָנגעהאַלטן און אַרויסגעגאַנגען. איך האָב געזען מיין פאָטער כאַפּן קינדער ווען זיי האָבן געשפּרונגען פונם פענסטער, מיין פאָטער האָט מיט אַנדערע מענטשן גענומען קינדער דורך דער פראָנטטיר. אַ סך מענטשן האָבן גענומען זייערע קינדער אַהיים יענעם נאַכט. דאָס איז גע-ווען דאָס ענדע פון סעזאָן האָבן איך אַהיים געגאַנגען 2 טעג שפּעטער.

אין זומער פון 1929 האָט מיין פאָטער מיר געשיקט אין דער אַרבעטער רינג קעמפּ קינדערלאַנד וועלכער געפינט זיך לעבן סאַדהייווען, מישיגען. די קינדער האָבן דאָרטן אָרגאַניזירט זיך אין אַ רעפּאַבליק. איך האָב עפּעס ניט אויפגעפירט זיך גוט און מען האָט ערוויילט דריי ריכטער און אַן אַנקלאָגער און מיר גערופן צו אַ משפּט. איך האָב געקראָגן אַן אַדוואָקאַט צו פאַרטיידיקן מיר. אָבער נאָך אַ לאַנגן רייסן זיך פון ביידע זייטן האָבן די ריכטער מיר פאַרמשפּט צו 3 טעג ניט לייענען און נישט שווימען. דאָס איז ניט געווען אַזאַ שווערע שטראָף פאַר מיר ווייל סיוויי האָט מען ניט געקענט שווימען דאָרטן. מע האָט ארומגערינגלט מיט אַ שטריק אַ קליין פּלאַץ אין וואַסער טיף ביז צו מיינע לענדן אַזוי אַז עס איז געווען אומעגלאָך צו שווימען.

שפּעטער ווען מע האָט געהאַט וועטן אין שווימען האָט מען אונז דערלויבט צו גיין אַביסל ווייטער, איך בין געווען איינער פון די בעסטע און פלינקסטע שווימער אין קעמפּ.

מע האָט געהאַט בייסבאָל שפּילן דאָרטן אויך. עס זיינען געווען צוויי טימס און איך בין געווען דער קאַפּיטאַן און מיין פריינט דער מענעדזשער פון איין טים, אין דער טשעמפּיאָנשיפּ סעריעס האָבן מיר פאַרלאָרן דעם ערשטן שפּיל אָבער מיר האָבן געוואונען די נעקסטע צוויי און מיר זיינען געווען די זיגער.

טאַטל ראָזענבלום, 12 י. א.

מיין אידישע שול

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מיין טאַטע מיר אָנגעפאַנגען אין די שלום עליכם פאָלק-שול נומער איינס. דער ערשטער טאָג אין שול האָב איך געקוקט ווי די אַנדערע קינדער האָבן געלערנט. די קינדער זיינען מיר געווען פרעמד נאָר איך האָב מיט זיי באַלד געמאַכט פריינט.

די שול איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן. דער ערשטער אַ לערן-צימער און דער צווייטער אַ שפּיל-צימער. די צוויי צימערן זיינען געווען אין אַ קעלער. אין שול איז געווען צוויי קלאַסן. איך בין געווען אַן אָנפאַנגער און מיר האָט מען אריינגעזעצט אין דער ערשטער קלאַס. דער לערער פון די צוויי קלאַסן איז געווען חבר מ.

אין שול האָט ער אונז געלערנט אידיש לייענען, שרייבן, און דער אָנ-פאַנג פון די אידישע געשיכטע. אין שול זיינען פּאַרוויילונגען געווען זייער זעלטן, נאָר וואָס דען. יעדער פרייטיק פלעגן אַלע קינדער זיך פאַרזאַמלען אין שול און חבר מ. פלעגט אונז לייענען אַ מעשה פון דעם קינדער-זשורנאַל.

איך בין ניט געווען אַזוי באַגייסטערט פאַר די אידישע שול ווייל אין ווינטער בין איך געגאַנגען אין שול פיר אַ זייגער און ארויסגעקומען פינף אַ זייגער אין ווינטער איז שוין פינסטער. האָב איך ניט געהאַט קיין צייט צו זיך שפּילן און ניט שפּילן זיך אַ גאַנצן טאָג האָב איך ניט ליב געהאַט.

אין די שול בין איך געגאַנגען אַ האַלב יאָר ווען די שול האָט זיך איבער-געקליבן. אין די נייע שול איז געווען דריי צימערן און אַ אָפיס, אַ לערן-צימער, און אַ שפּיל צימער. די הויז פון די שול איז געווען פון איין שטאָק. מיר אינגלאַך פלעגן ארויפקריכן אויפן דאַך און וואַרפן שטיינער אויף די מיידלאַך. אויף יענער זייט פון די שול איז געווען אַ פּאַרק. ווען די קינדער פלעגן קומען צו פרי און זייער קלאַס האָט נאָך ניט געלערנט פלעגן זיי גיין אין פּאַרק זיך שפּילן און ווען ס'איז געקומען די צייט פאַר זיי צו לערנען פלעגט דער לערער קלינגען אַ גלאָק און די קינדער פלעגן קומען אין שול.

אין די נייע שול איז צוגעקומען אַ נייע לערערן. זי איז געווען חברטע י. מ. זי האָט געלערנט מיט דער צווייטער קלאַס. איך בין דאַן געווען אין אינעם צווייטן קלאַס.

חברטע י. מ. איז אויך געווען אונזער געזאַנג לערערן. זי האָט אונז אויס-געלערנט זינגען אַ סך זייער שיינע לידער.

אין שול אויף יעדער יום-טוב פלעגן די לערער און די שול טוער מאַכן

א שמחה פאַר די קינדער. און אויף חנוכה פלעגט מען אונז געבן דריידלאַך. און אויף פסח פלעגט מען אונז געבן צוקערקעס און ניס.

אין די שול בין איך געגאַנגען אַן ערך פון א האַלב יאָר. ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן אויף דער זייט פּאַרק, פון אונזער נייער היים איז געווען נענטער צו גיין אין שול צוויי. דער לערער אין שול צוויי איז געווען חבר פּ. ער האָט מיר באַלד געהעכערט א קלאַס און דאַן בין איך געווען אין דעם דריטן קלאַס און וואָס איז דאַן געווען דער עלטסטער קלאַס. שול צוויי איז אין אינסטיטוט פון די דריי שלום עליכם שולן.

חבר פּ. האָט אונז ניט לאַנג געלערנט. און אויף זיין אָרט איז געקומען חברטע י. זי איז אונזער לערערן געווען פאַר א קורצע צייט... דורך די צייט האָט מען איינמאָל געלערנט שרייבן און די אנדערע לעקציעס האָט זי אונז געלייענט מעשות. נאָך חברטעס י. אוועק גאַנג האָט די שול זיך איבערגעקליבן. אין די נייע שול-היים איז געווען א סך צימערן. נאָר פון די צימערן האָט מען געמאַכט א לערן צימער א שפּיל צימער און אַן אָפּיס.

אין שול איז איצט צוגעקומען א סך לערער. און יעדער האָט געלערנט אפשער א וואָך צוויי, פון די לערער איז איינער חבר פּ. געבליבן פאַר א קורצע צייט, אין די צייט פלעגן מיר לערנען אין דער פרי, יעדער שבת פלעגט ער מיט אונז גיין שפּאַצירן. איינמאָל זיינען מיר געגאַנגען אין „פּילד מיוזיום" צו זען די ביינער פון חיות וואָס האָבן געלעבט מיט טויזנט יאָר צוריק. איין אנדער מאָל זיינען מיר אוועק צום „מיוניסיפּל פּיר" און מיר זיינען געפאָרן אויף א שיף. צום הארבסט איז ווידער געקומען אַן אנדער לערער. ער איז געווען חבר ב. ער האָט שוין מיט אונז אַמאָל געלערנט נאָר פאַר א זייער קורצער צייט. אויפן פאַרלאַנג פון דעם לערער האָט מען באַדאַרפט אריינבריינגען צוויי קאָמפּאָזיציעס א וואָך. איין קאָמפּאָזיציע פאַר געשיכטע און איין קאָמפּאָזיציע פאַר שרייבן. אין שול האָט מען איצט געגרינדעט א פערטער קלאַס און איך בין געווען איינער פון זיי.

די עלטסטע קלאַסן פון אַלע דריי שולן האָבן געגרינדעט א קלוב. דער נאָמען איז „דער שעג". די זיצונגען פונם קלוב ווערן געהאַלטן אַלע צוויי וואָכן ביי אַן אנדער מיטגליד אין הויז. אויף די זיצונגען ווערן פאַרהאַנדלט פראַגעס וועגן לימודים, וועגן גראַדואירן און א סך א זעלבע פראַגעס. אויף די זיצונגען דערציילן אונז די לערער די אַרבעט וואָס מיר וועלן דאַרפן דורכמאַכן אין די קומענדיקע צוויי וואָכן.

לעצטן פסח האָבן די קינדער געמאַכט א פסח קאָנצערט. די קינדער האָבן געזונגען אויפן בינע. דער געזאַנג לערער איז געווען חבר ה. איידער דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעפאַנגען האָבן די קינדער אים געגעבן א מתנה.

אויפן פסח קאָנצערט האָבן די קינדער אַרויסגעגעבן א שריפט. אין דער שריפט איז געווען א דראַמאַטיזאַציע פון דעם בוך „קיין אַמעריקע" דראַמאַטיזירט האָבן די קינדער ש. ע. ג. ס'איז געווען צעטיילט אין דריי טיילן.

דער ערשטער טייל האָט געמאַכט שול דריי. דער צווייטער טייל האָט געמאַכט שול צוויי. און דער דריטער טייל האָט געמאַכט שול איינס.

אפשר א דריי מאָנאַטן. נאָך דער פּסח קאָנצערט איז חבר ב. אוועק און אונזער נייער לערער איז חבר פּ. ער האָט פריער געלערנט אין שול איינס. ער לערנט איצט אין שול צוויי.

פריער ווען מען פלעגט רעדן אין שעג וועגן גראַדואירן פלעגט מען רעדן ווי דאָס איז גאָר א ווייטע זאַך. נאָר איצט איז עס נאָך א וואָך און מיר וועלן גראַדואירן. מיר וועלן שוין באַלד האָבן די טעסטן אין געשיכטע; לייענען און שרייבן.

אַלע קינדער אין „שעג" שרייבן אַן אָטאָביאָגראַפיע. פאַר די צוויי בעסטע קאָמפּאָזיציעס וועט דער פּרויען קלוב געבן צוויי פרייזן. די פרייזן וועט מען געבן אויפן גראַדואירונג. די גראַדואירונג וועט פאַרקומען דעם פערצטן פעברואַר אין דער שלום עליכם פאָלק שול נומער צוויי.

לאַנג לעבן זאָלן די שלום עליכם שולן און אַלע אידישע שולן

א פאַרשיקאַט שלוס פון יושע:

(ניטל 0ק3)

חנה געבטלער, 12 י. א.

מיין אידישע שול-בילדונג

מיין ערשטע אידישע שול וואָס איך האָב באַזוכט איז געווען די שלום-עליכם שול, (נומער 2) און ווי איר זעט באַזוך איך די זעלבע שול ביז דעם היינטיקן טאָג. איך גיי שוין אין די שול כמעט פינף יאָר און איך בין זייער צופרידן מיט איר.

מיין ערשטער לערער איז געווען חבר מאַנעסעוויטש און זיין שוועסטער איז געווען די געזאַנגסלערערן. איך וויל אייך אויך דערציילן ווי אַזוי איך האָב פאַרבראַכט מיין ערשטער טאָג אין דער שול.

ערשטנס האָבן זיך אַלע קינדער רעגעסטרירט. דאַן האָט דער לערער אונדז געלייענט אַ מעשה, מען האָט אונדז צעטיילט נאָשערייען, און אַז ס'איז געוואָרן נאָכט זענען מיר אַהיימגעגאַנגען. אַזוי האָב איך פאַרבראַכט מיין ערשטער טאָג אין די שול.

אָבער מיינט נישט אַז ווייטער האָבן מיר נאָר געלערנט. מיר האָבן געהאַט קאָנצערטן און שמחהס.

אין צוויי יאָר אַרום האָט זיך די שול איבערגעקליבן אין אַ נייע דירה. חבר מאַנעסעוויטש האָט פאַרלאָזט די שול, און חבר פאַזי האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ. חבר פאַזי האָט אין דער שול נישט לאַנג געלערנט. אין דריי חדשים אַרום האָט ער פאַרלאָזט די שול און חברטע יורי האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ. זי האָט אונדז געלייענט מעשות אין קלאַס און שרייבן האָט מען באַדאַרפט אין דער היים. איך האָב אָבער אין דער היים נישט געשריבן. זי האָט אויך לאַנג נישט געלערנט אין דער שול. חבר באַקאַל האָט פאַרנומען איר פּלאַץ און מיין לעצטער לערער איז חבר פּאַמעראַנץ. ער איז אַ קליינער. אויב די מיידלאַך פלעגן עפּעס טאָן וואָס ער איז נישט צופרידן געווען דערפון האָט ער זיין בעם אויסגעלאָזט צו די אינגלאַך. איך וויל אויך זאָגן אַז ווען חבר פּאַמעראַנץ איז געוואָרן מיין לערער בין איך שוין געווען אין פערטן קלאַס.

אַלע פערטע קלאַסן פון די שלום-עליכם שולן אין שיקאַגע האָבן אָרגאַניזירט אַ קלוב. דער נאָמען פון דעם קלוב האָט געהייסן דער „שעג״. „שעג״ מיינט שלום-עליכם גראַדואירער. מיר האָבן געהאַט זיצונגען פון דער שעג יעדע צווייטע וואָך. די קינדער פון דעם שעג זענען אויך געגאַנגען צו טעאַטערן, צו גאַרפילד פּאַרק קאָנסאַרוועטאַריע, און נאָך פאַרשידענע פּלעצער צו פאַרברענגען.

איצט פאַרענדיק איך מיטן וואונטש אַז אַלע אידישע קינדער זאָל האָבן דעם זעלבן געפיל און פאַרלאַנג צו דער אידישער שול ווי איך.